# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

אח"ק - ל"ג בעומר

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

© 2025 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודרוקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## אחרי-קדושים

קדושים תהיו - דער סימן אַז דער מענטש וויל באמת דינען דעם אויבערשטען .......... ד

## פסח שני

למה נגרע - כאָטש איך בין ליידער פאַרזינקען, אָבער 'רצונינו לראות את מלכינו' .......... יא

## ל"ג בעומר

הילולא - רבי שמעון'ס גרויסע שמחה אין דעם הייליגן טאָג.......... טו
אתכנשו להילולא דרבי שמעון - התקשרות צו רבי שמעון בן יוחאי.......... יז
האי יומא ברשותי קיימא - דער טאָג פון רשב"י .......... כד
ביטל כמה גזירות - ר' שמעון'ס כח צו מבטל זיין אַלע שווערע גזירות.......... לג
רבי שמעון בן יוחאי לכל - א קשר מיט ר' שמעון אין יעדע מצב, אפילו לפחותים .......... לז
אור זרוע לצדיק - הדלקות לכבוד דעם תנא אלוקי רשב"י .......... מא

**ספה"ק בת עין**

**הִנֵּה יָדוּעַ עִנְיַן קָדוֹשׁ פֵּירוּשׁוֹ מוּבְדָּל** ס'איז באקאנט אז די זאך פון זיין א 'קדוש' מיינט צו זאגן צו זיין 'אפגעטיילט', **הַיְינוּ מוּבְדָּל וּמוּפְרָשׁ מִגַּשְׁמִיּוּת וְתַאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה הַגּוּפָנִיּוֹת** דאס מיינט צו זיין אפגעשיידט און אפגעטיילט פון גשמיות און פיזישע גלוסטונגען פון די וועלט.

**...וְזֶה מַזְהִיר הַכָּתוּב 'קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט אונז אן 'הייליג זאלטס עטס זיין', **פֵּירוּשׁ שֶׁתִּהְיוּ מוּבְדָּלִים מִתַּאֲווֹת גּוּפָנִיּוֹת** דאס מיינט עטץ זאלטס זיין אפגעשיידט פון פיזישע גלוסטונגען, **לִהְיוֹת דָּבוּק בִּקְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה** צו זיין באהאפטן אין א העכערע קדושה, **בְּקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** מיט מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, **בְּלִי הֶפְסֵק בִּדְבֵיקוּת** אן קיין שום אפשטעל אין די באהעפטונג (דביקות), **בִּבְחִינַת צֶדֶק - מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא** (תיקו"ז יז, ב) וואס דורך די קדושה ווערט דער מענטש באהאפטן צו די בחינה פון 'צדק' וואס איז משפיע אויף אים די בחינה פון א הימלישע און העכערע הייליגקייט וואס ווערט אנגערופן 'מלכותא קדישא'.

**אָמְנָם לִבְחִינָה זוֹ** אבער צו די בחינה, **בְּחִינַת הִזְדַּכְּכוּת מִתַּאֲווֹת גּוּפָנִיּוֹת** וואס דאס איז די בחינה פון זיך אויסלייטערן און נישט זיין צוגעבינדן צו פיזישע גלוסטונגען, **אִי אֶפְשָׁר לְהַגִּיעַ כִּי אִם עַל יְדֵי סִיּוּעַ מִן הַשָּׁמַיִם** איז נישט מעגליך צוקומען דערצו נאר דורך הילף פון הימל, **שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם יְסַיְּעוּהוּ** אז פון הימל זאל מען אים העלפן דערצו.

**וְזֶהוּ מַאֲמָרָם ז"ל 'רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל'** און דאס איז פשט פון די מאמר חז"ל אז דער באשעפער האט געוואלט 'מזכה זיין' די יודן, **רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁה' רָצָה לְסַיְּעָם לִבְחִינַת הִזְדַּכְּכוּת וּקְדוּשָּׁה** דאס מיינט צו זאגן אז דער באשעפער האט געוואלט זיי צוהעלפן צוקומען צו בחינה פון זיך אויסלייטערן (זיך 'מזכה זיין') און קדושה, **'לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת'** און דערפאר האט ער זיי פארמערט תורה און מצוות. **פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת וְלִימּוּד תּוֹרָה הַרְבֵּה יִזְדַּכֵּךְ גּוּפָם** די פשט איז אז דורך טוהן די מצוות און דורך פארמערן צו לערנען די תורה וועט זייער גוף ווערן אויסגעלייטערט, **וְיוּמְשַׁךְ עַל יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** און ס'וועט נמשך ווערן אויף די יודן די בחינה פון קדושה, **בְּחִינַת הִזְדַּכְּכוּת הַגּוּף** די בחינה פון אויסלייטערן די גוף. **(פרשת קדושים ד"ה כי איש איש)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד shwrtz@bezeqint.net

# אחרי-קדושים

**קדושים תהיו - דער סימן אַז דער מענטש וויל באמת דינען דעם אויבערשטען**

**'דבר** אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוקיכם' (יט, ב). דער זוהר הקדוש זאָגט (קדושים פא.) 'תאני רבי אבא, פרשתא דא כללא דאורייתא היא' - די פרשה (קדושים) איז אַ כלל אין די גאנצע תורה.

**אַזוי** זאָגט רש"י (י"ט, ב) 'דבר אל כל עדת בני ישראל, מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל, מפני שרוב גופי תורה תלויים בה'.

**פרעגט** דער 'שפת אמת', לכאורה, אין פרשת כי תצא זענען דאָך דאָ מער מצוות ווי אין פרשת קדושים.

**ענטפערט** דער 'שפת אמת', אַז די כוונה איז נישט תלויין 'בה' אין די גאנצע פרשה, נאָר עס גייט אַרויף אויפ'ן פסוק 'קדושים תהיו'. רוב 'גופי תורה' ווענדן זיך אין דער ענין פון 'קדושה'[א].

**דער** מדרש זאָגט (ויק"ר פכ"ד, ט) 'יכול כמוני, תלמוד לומר כי קדוש אני, קדושתי למעלה מקדושתכם' - מיין קדושה איז העכער פון אייער קדושה[ב].

---

**א.** אין ספר 'חידושי מהר"ם צבי' (פון הגאון רבי משה צבי וויינגאַרטן אב"ד שעדליץ, וועלכער איז געווען פון די גדולי הדור פאַר מער ווי 170 יאָר צוריק), ברענגט ער אַ וואונדערליכן משל וואָס ער האָט געזאָגט אין אַ דרשה אין יאָר פון זיין פטירה (שבת שובה שנת תרי"ט) אויף דעם פסוק 'קדושים תהיו **כי** קדוש אני ה' אלוקיכם'. פרעגט ער, וואָס פאַר אַ 'נתינת טעם' איז עס, אַז די אידן זאָלן זיין הייליג, **וויל** דער אויבערשטער איז הייליג? דער אויבערשטער האָט דאָך נישט קיין 'חומר', און מיר האָבן אַ גוף, און אַ 'חומר' וואָס ציט אַראָפּ דעם מענטש צו תאוות. ס'איז אַזוי ווי מ'זאָל זאָגן, איר זאָלט זיין שטאַרק, וויל דער באַשעפער איז שטאַרק... מ'קען דאָך אונז נישט צוגלייכן צו דעם אויבערשטען. דער אויבערשטער איז שטאַרק, אָבער מיר זענען נישט שטאַרק.

ענטפערט דער 'חידושי מהר"ם צבי', מיט אַ משל, איינער האָט געהאַט אַ געשעפט אין דער גרויס פון אַ גאַנצע גאַס. דאָס געשעפט איז געווען פול מיט פאַרשידענע סחורות. אין אַ געוויסן טאָג האָט דער בעה"ב פונעם געשעפט געדאַרפט אַוועקפאָרן פונדערהיים אויף אַ גאַנצן חודש. טעג און נעכט האָט ער נישט פאַרמאַכט אַן אויג, צוליב זיין זאָרג וועגן דעם געשעפט. צום סוף האָט ער באַשלאָסן איבערצוגעבן די פאַרוואַלטונג פונעם געשעפט פאַר זיין הויפּט באַאַמטן. ער האָט איהם אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס, און איבערגעגעבן איהם דעם שליסל פונעם געשעפט, און איהם אָנגעוויזן גענוי ווי אַזוי צו היטן דאָס געשעפט און אַלעס וואָס איז פאַרבונדן דערמיט. ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט מיט טויזנטע אזהרות, ער זאָל נישט וואַגן גרינגצושעצן זיין נייע וויכטיגע אויפגאַבע, ווייל עס ליגט אויף איהם אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

דער בעה"ב איז אָפּגעפאָרן צו אַ ווייטן אָרט, מיט זיין משפחה. נאָכ'ן פאַרברענגען דאָרט אַ צייט, און אויפטוהן וואָס ער האָט געהאַט אויפצוטוהן, איז געקומען די צייט צוריק אַהיימצוקומען. אָנקומענדיג אין שטאָט, האָט ער שוין 'געשמעקט' פונדערווייטענס, אַז עפּעס איז דאָ 'נישט אין אָרדענונג'... ער האָט געזעהן אַז אין געשעפט איז טונקל, און זיין האַרץ האָט באַלד אָנגעהויבן קלאַפּן מיט אַ דאָפּלטן אימפּעט. ער איז אַריינגעלאָפן אין געשעפט, און ס'איז איהם געוואָרן 'פינצטער אין די אויגן': נישטאָ קיין 'סעילסלייט', און נישט דאָ קיין קונים. אויך איז די גאַנצע סחורה גע'גנב'עט געוואָרן, און אַלע זיינע אינוועסטירונגען זענען געגאַנגען לטמיון. איז דער בעה"ב אַריבערגעלאָפן מיט איין אָטעם צום הויז פון זיין 'פאַרוואַלטער'. ער האָט איהם אויפגעוועקט פון שלאָף, און זיך גענומען שרייען: וואָס האָסטו געטוהן?! פאַרוואָס האָסטו נישט אויסגעפירט מיינע אָנווייזונגען, און נישט געהיטן אויפ'ן געשעפט עס זאָל פונקציאָנירן? צו וואָס האָב איך דיך באַשטימט אָנצופירן מיט'ן געשעפט, און איך האָב דיר אַפילו איבערגעגעבן די שליסלען... האָט דער אַרבעטער איהם באַרואיגט, זאָגנדיג:

- באָס לעבן, באַרואיג זיך... וואָס מאַכסטו אַ גאַנצן 'געשעפט', איבער איין שליסל... נו... וויפיל איז ווערד דער שליסל? פינף שקלים... נאַדיר פינף שקלים, און לאָז מיך שלאָפן רואיג...

**פרעגן** די מפרשים, וואָס פאַר אַ הוה אמינא האָט געקענט זיין אַז אַ 'בשר ודם' קען זיך פאַרגלייכן מיט זיין קדושה צו דעם אויבערשטען? ווערן געברענגט אויף דעם אַסאַך פשטים, אָבער מיר ווייסן דאָך אַז 'אין מקרא יוצא מידי פשוטו'. ממילא, קענען מיר לערנען פון דעם ווי ווייט דער מענטש איז בכח זיך צו הייליגן, ווייל די מדריגות פון קדושה זענען אָן אַ גרעניץ. אפילו משה רבינו ע"ה איז אויך באַפוילן געוואָרן מיט די מצוה 'קדושים תהיו'. **דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איד באשר הוא שם: 'קדושים תהיו' - איר זאָלט זיך הייליגן און אויפהייבן דייקא פון דעם אָרט אין וועלכן די געפינסט זיך**[ג].

---

דער נאַר האָט נישט פאַרשטאַנען אַז אויף דעם 'שליסל' איז אָנגעוויזן דער גאַנצער רייכטום פונעם בעה"ב.

דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'קדושים תהיו' - איר זאָלט זיין הייליג. איר זאָלט אָבער נישט טראַכטן אַז דאָס איז אַ 'מצוה', אַזוי ווי אַלע אַנדערע מצוות (וואָס קאָסט 'פינף שקלים'), **נאָר אין דעם ליגט דער 'שליסל' פון אַלעם!** דאָס זאָגט דער פסוק: 'כי קדוש אני'. **אויף אט די 'קדושה', הענגט דאָס גאַנצע אידישקייט.** ממילא, דאַרף מען גאָר שטאַרק אַכטונג געבן דערביי. (כאָטש באמת, האָט דאָך אַפילו די לייכטסטע מצוה בכלל נישט קיין שאַצונג, פונדעסטוועגן, קען דאָך דער מענטש באַטראַכטן אַ מצוה אַז עס איז 'לייכט', אָבער ביי דעם ענין פון קדושה, דאַרף מען וויסן אַז עס איז דער שליסל פון תורה און מצוות.)

**ב.** הרה"ק רבי יהודה מאיר פון שיפּטיווקא זי"ע, האָט ביי די לוי' פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, זייער שטאַרק געוויינט. ווען זיינע מקורבים האָבן איהם געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי, האָט רבי יהודה מאיר געענטפערט:

- צי ווייסט איר דען, פאַר ווֶעמען דער טאַטע דאַרף זיך יעצט שטעלן צום משפט, און אָפּגעבן אַ דין וחשבון?

האָט איינער פון די מקורבים געזאָגט צום רבי'ן, 'דער רבי (רבי פנחס'ל קאָריצער) וועט דאָך זיכער אָנקומען אויף זיין אָרט אין גן עדן, ווייל ער איז דאָך געווען אַ גרויסער צדיק'. רבי יהודה מאיר האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט באַרואיגט, און געענטפערט:

**- דער טאַטע איז טאַקע געווען גאָר גרויס, אָבער דער באַשעפער איז דאָך אַסאַך גרעסער...**

מ'דערציילט, אַז אַ סאָלדאַט פון די רוסישע אַרמיי אין די צייטן פונעם צאַר ניקאָלאַי, האָט אַמאָל באַגעגענט אַ שיכור, און איהם געפרעגט זיין נאָמען. דער שיכור האָט אָבער נישט געענטפערט דעם סאָלדאַט, צוליב זיין שיכרות. האָט דער צאַרישער סאָלדאַט איהם שטרענג אָנגעוואָרענט, זאָגנדיג: 'איך בין אַ סאָלדאַט פון דער צאַרישער אַרמיי, און ממילא, ביזטו מחויב מיר צו ענטפערן'. דער שיכור האָט איהם אָבער ווייטער איגנאָרירט. וויבאַלד ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, נישט וועלנדיג ענטפערן פאַר'ן סאָלדאַט ווי אַזוי ער הייסט, האָט דער סאָלדאַט אַרויסגעשאָסן אַ קויל און איהם פאַרוואונדעט.

ווען די מאַכט האָט אויסגעפונען דערפון, האָט מען זיי ביידע - דעם שיכור, און דעם סאָלדאַט - געברענגט אין געריכט פאַר אַ משפט. דער שופט האָט געפרעגט דעם סאָלדאַט פאַרוואָס ער האָט געשאָסן אויף אַן אומשולדיגן מענטש, האָט דער סאָלדאַט זיך פאַרטיידיגט, זאָגנדיג אַז ער האָט איהם געפרעגט זיין נאָמען, און ער האָט איהם נישט געוואָלט ענטפערן. דאַקעגן דער שיכור האָט גע'טענה'ט פאַר דעם שופט, אַז דער סאָלדאַט האָט זיך באמת געדאַרפט רעכענען מיט זיין מצב אַז ער קען איהם נישט ענטפערן, צוליב זיין שיכרות. דער ריכטער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די טענה פון דעם שיכור, און געזאָגט:

**- אין דער סעקונדע ווען דו האָסט געהערט אַז דער סאָלדאַט דינט אין דער אַרמיי פונעם צאַר ירום הודו, האָט דער ווייַן אויטאָמאַטיש געדאַרפט אויסוועפּן אין דיין קערפּער...** [אַזוי ווי די גמרא זאָגט (זעה ב"ב י.) 'יין קשה, פחד מפיגו']. וויבאַלד דו ביסט געבליבן אין דיין פריערדיגן שיכור'דיגן מצב, קומט דיר באַשטראָפט צו ווערן!

דאָס זעלבע, דרייען מיר זיך אַרום אַזוי ווי 'שיכור' אַ גאַנץ יאָר, אָבער **די עצם ידיעה אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און צום סוף וועט מען זיך דאַרפן שטעלן פאַר איהם, דאַרף גורם זיין אַז דאָס 'שיכרות' זאָל אויסוועפּן פון אונז...**

אַמאָל ראש השנה פאַר די תקיעות, האָט דער עולם געבעטן הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, ער זאָל זאָגן אַ פּאָר דברי חיזוק. איז הרה"ק רבי פנחס'ל צוגעגאַנגען מיט פחד און מורא צום עמוד, און געזאָגט צו דעם עולם:

- 'מה נאמר ומה נדבר'. וואָס איז דען שייך צו זאָגן. מ'טוט דאָך יעצט משפט'ן אויך דעם 'שטענדער' וואו איך שטיי... ממילא, דאַרף אונז אָנכאַפּן אַ מורא און אַ פחד...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איד, אָן אַ יוצא מן הכלל. אַפילו דער 'פחות שבפחותים' קען ווערן הייליג[ד]. יעדער איד איז בכח צו הייליגן זיך און צעברעכן זיין תאווה[ה].

---

**ג.** אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' מ'סלאָנים זצ"ל, אַז ער האָט אייביג רצונות און שאיפות זיך צו שטאַרקן אין עבודת השם, און צו שטייגן העכער און העכער. אָבער ווען עס קומט מקיים צו זיין די גוטע קבלות, און עס מאַכן 'מכח אל הפועל', קומט עס איהם אָן זייער שווער. אין עפ"ר שטאַרקט זיך אויף איהם זיין יצר הרע, און ער קען עס נישט פּאַקטיש מקיים זיין. דער חסיד האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט מורא, אַז נאָך זיין אַוועקגיין פון דער וועלט ווען זיין צייט וועט קומען וועט מען אויסקריצן אויף זיין מצבה די ווערטער, **'פה נטמן בעל השאיפות'**... ווייל ער האָט טאַקע אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט צו מדריגות, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט באַוויזן אויסצופירן זיינע שאיפות, און ער איז געבליבן מיט ליידיגע הענט. האָט דער 'נתיבות שלום' איהם געזאָגט:

- **אדרבה, אויב איך וואָלט אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בית החיים און געזעהן אַ מצבה מיט אַזאַ נוסח, וואָלט איך זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט מתפלל זיין...**

דער 'נתיבות שלום' האָט געמיינט צו זאָגן, אַז **ביי דעם אויבערשטען איז זייער חשוב אַזעלכע שאיפות**. ער וועגט די מעשים פון אַ מענטש, נאָר לויט זיינע כוחות. דער באַשעפער ברוך הוא, דער 'יודע תעלומות', ווייסט גענוי וואָס עס קומט פאָר אין האַרץ פון אַ איד, אויב ער איז באמת געווען אַן 'אונס', און ער האָט נישט געקענט אויספירן זיין רצון, און אויף אַזאַ אופן ווערט איהם גערעכט גלייך ווי ער האָט געטוהן אַלעס בשלימות.

## מן הבאר

עס ווערט דערציילט (מעשה איש', ח"ב, ע' קמד), אַז אַ יונגערמאַן אַ בן תורה האָט זיך אַמאָל אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, אַז יעדן טאָג וועט ער שטייט אויף אינדערפרי, נעמט ער אויף זיך מיט אַ קבלה גמורה אויסצונוצן יענעם טאָג צו לערנען תורה און פאַר עבודת התפילה. אין די פרימאָרגן-שטונדן, באַווייזט ער נאָך צו היטן זיין גוטע קבלה, אָבער אין משך פונעם טאָג, טוט זיין התלהבות זיך 'אָפּקילן', און ער קען זיך מער נישט שטאַרקן אויף זיין יצר הרע. אַזוי אז ביינאַכט, ווען ער מאַכט אַ חשבון הנפש, זעהט ער אַז ער האָט נישט ריכטיג אויסגענוצט דעם טאָג. ער קען זיך ממש נישט אַן עצה געבן. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- **דו זאָלסט ווייטער טוהן אַזוי. דו זאָלסט אָנהייבן הויך, און זעץ פאַר צו פאַלן, און זעץ פאַר צו האָבן צער דערפון...**

אָט דאָס איז דער רצון פונעם באַשעפער, אַז דער מענטש זאָל אויפשטיין אינדערפרי, און נעמען אויף זיך צו פאַרבעסערן זיינע מעשים און קיינמאָל נישט אויפגעבן זיין באַגער זיך צו שטאַרקן אין תורה און תפילה. **ס'איז נישט קיין חילוק וואָס עס וועלן זיין די תוצאות דערפון.**

מענין לענין, וועגן דעם פחד פון צדיקים פאַר דעם אויבערשטען, דערציילט מען, אַז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט אַמאָל אינמיטן ווינטער געדאַרפט זאָגן פאַר עמיצן אַ וואָרט מוסר (וואָס איז, ווי באַקאַנט, נישט אָנגעקומען לייכט פאַר'ן הייליגן בעלזער רב...). האָט ער איהם צוגערופן, און איהם געזאָגט:

- ווי אַזוי האסטו נישט מורא? עס קומט דאָך שוין באַלד די צייט פון בלאָזן שופר?...

אגב, דערציילט מען אַזוי אויך וועגן איינע פון די צדיקים, אַז אַמאָל מוצאי ראש השנה האָט ער געזאָגט צו דעם עולם, אַז מ'דאַרף שוין תשובה טוהן, ווייל ראש השנה הבעל"ט איז אין וויניגער ווי אַ יאָר...

**ד.** אַזוי זאָגט דער 'בית אברהם' (פ' קדושים, ד"ה 'קדושים'), אַז די פרשה הייבט זיך אָן מיט די ווערטער 'קדושים תהיו', און דערנאָך רעדט זיך פון אַלע סאָרטן פגמים און עבירות פון עריות רח"ל. ביים סוף פון די פרשה (כ, כו), זאָגט די תורה נאָכאַמאָל: 'והייתם לי קדושים'. דאָס הייסט, **אין אָנהייב זאָגט מען פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל זיך היטן הייליג, אָבער אויב ער איז אַדורכגעפאַלן און געפאַלן, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר פון יעצט און ווייטער 'והייתם לי קדושים'**, ווייל דער נפש פון יעדן איד איז צוגעבונדן צו דעם אויבערשטען, אפילו אויב ער האָט עובר

געוועןן די האַרבסטע עבירות רח"ל. און דאָס איז מרומז אין די נעמען פון די פרשיות, 'אחרי מות - קדושים', ווייל עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג קלה:), אַז ווען דער מענטש פאַלט פון זיין מדריגה, ווערט עס אָנגערופן 'מיתה'. איז דער רמז, **'אחרי מות'** - נאָך דעם ווי דער מענטש האָט געהאַט אַ 'מיתה' ברוחניות ל"ע, זאָל ער זיך נאָך אַלץ שטאַרקן צו זיין אין דעם כלל פון **'קדושים'**...

ביים סוף פון דער פרשה לערנען מיר וועגן איבערגעבן אַ זון צו די עבודה זרה וואָס ווערט אָנגערופן 'מולך', און די תורה איז זייער מחמיר אין דעם עונש פאַר די עבירה: 'ושמתי אני את פני באיש ההוא ובמשפחתו, והכרתי אותו ואת כל הזונים אחריו' וגו'. זאָגט רש"י: 'פונה אני מכל עסקי ועוסק בו'. איך וועל זיך אָפּקערן פון אַלע מיינע געשעפטן, און איך וועל זיך פאַרנעמען נאָר מיט איהם.

באמת געפינען מיר נישט אַזאַ שאַרפן לשון ביי קיין שום אַנדערע עבירה אין די תורה. פונדעסטוועגן, שטייט באַלד נאָך דעם: 'והתקדשתם **והייתם קדושים** כי אני ה' מקדישכם'. זאָגט רש"י, 'הוא פרישות עבודה זרה' - דאָס מיינט, מען זאָל זיך אָפּשיידן פון די עבודה זרה.

פרעגט דער גאון רבי שמואל בירנבוים זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין אַמעריקע, דאָ רעדט מען דאָך פון אַ רשע גמור, וואָס ער וויל ח"ו איבערגעבן זיין זון צו די עבודה זרה 'מולך', און דער אויבערשטער זאָגט איהם אָן מיט אַ האַרבע וואָרענונג, 'ושמתי אני את פני באיש ההוא' וגו'. ווי אַזוי קען מען זאָגן פאַר אַזאַ איינעם, אַז ער וועט זיין 'הייליג'? ער האָט דאָך נאָך לכאורה גאָר אַ לאַנגען וועג צו גיין, ביז ער וועט זיין ראוי אָנגערופן צו ווערן 'קדוש'?

ענטפערט רבי שמואל בירנבוים, אַז **יעדע אידישע נשמה האָט באמת אַ כח איבערגעדרייט צו ווערן אין אַ רגע, פון שאול תחתית פון טומאה ביז צו אַ מדריגה פון קדושה**, ווייל יעדער איד איז דאָך אַ 'חלק אלוקי ממעל' ממש, און אויב אַזוי, איז זיין נשמה בכח צו ווערן הייליג אין אַ רגע. און דעריבער, אַפילו פאַר אַזאַ רשע טוט דער אויבערשטער אויך אָנוואָרענען און ער זאָגט איהם, 'והתקדשתם והייתם קדושים'.

קען מען צולייגן, די וועלט זאָגט בדרך צחות אויף די פרשיות 'אחרי מות קדושים', אַז ווען א מענטש ווערט נפטר, הייבט מען פלוצלינג אן צו רעדן אַז ער איז געוועןן אַ 'קדוש וטהור', אַ גרויסער 'בעל מידות', א.א.וו. אָבער באמת, איז דאָס נישט אַ וויץ, נאָר מ'דאַרף וויסן אַז אַפילו 'אחרי מות קדושים'. אַפילו נאָך דעם ווי די נשמה פון דעם מענטש איז חלילה **'געשטאָרבן' ברוחניות** [ווי חז"ל זאָגן (ברכות יח:) רשעים בחייהם קרוים מתים]. דער מענטש שפירט ביי זיך אַז ער איז ממש אַזוי ווי אַ 'מת מצוה' רח"ל, אין דער בחינה פון 'חפשי מן המצוות', זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר אויך 'אחרי מות' **קען ער זיין אַ קדוש וטהור, ממש אַזוי ווי דער צדיק הדור.**

**ה.** אין בית המדרש פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע, איז אַמאָל יום כיפור, איידער מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען 'נעילה', אַנשטאַנען אַ גרויסער טומל, ווען אַ איד אַן עושר, האָט שיער גע'חלש'ט פון דורשט. דער איד איז געוועןן זייער קאַרג (עס זענען געוועןן מענטשן וואָס האָבן זיך וועגן איהם געוווּנטשן, אַז אַ גאַנץ יאָר גיט ער נישט פאַר אַן אָרימאַן אַפילו אַביסל וואַסער צו טרינקען, זאָל ער יעצט אַליין שפירן דעם טעם פון דורשט צו טרינקען וואַסער...). ווען די אַרומיגע האָבן געזעהן אַז ער איז אין אַ ערנסטע סכנה זענען זיי געגאַנגען פרעגן די דיינים אויב מ'קען איהם געבן צו טרינקען 'פחות מכשיעור'. די דיינים האָבן טאַקע געהייסן איהם געבן וואַסער צו טרינקען אין לעפלעך, וויינִיגער ווי אַ שיעור, אָבער מיט יעדן לעפל וואַסער וואָס מ'האָט איהם געגעבן, איז ער נאָר געוואָרן מער דורשטיג. האָט דער ראש בית דין, רבי בעריש, זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענע מיינונג, און ער איז צוגעגאַנגען צום צאַנזער רב. ער האָט איהם מפסיק געוועןן פון זיין הייליגע עבודה, און דערציילט איבער דעם רייכן איד וואָס איז פלוצלינג געוואָרן אַזוי שטאַרק דורשטיג, און ער פרעגט וואָס מ'זאָל טוהן. האָט דער צאַנזער רב געענטפערט:

- זאָל מען איהם זאָגן, אַז פאַר יעדן גלאָז וואַסער וואָס ער וועט טרינקען, זאָל ער צוזאָגן געבן דערפאַר 100 רייניש (אַ ריזיגער סכום בימים ההם) אויף צדקה, און אויב ער איז מסכים דערצו, זאָל מען איהם געבן צו טרינקען וויפיל ער וויל...

ווען דער פאַר'חלש'טער גביר האָט געהערט דעם פסק דין פון צאַנזער רב זי"ע, האָט ער זיך באַרואיגט, און זיין דורשט האָט זיך איינגעשטילט. ('ליקוטי ישרים', אלול ימים נוראים)

לדידן יאמר. דער מענטש געפינט זיך אַמאָל אין אַ גרויסן נסיון, צי עס האַנדלט זיך איבער 'שמירת עינים', אָדער צו היטן דאָס מויל, און אַנדערע ענינים. ער קרעכצט, אוי, אוי, אַזאַ שווערער יצר... אַ גרויסער יצר... איך קען

**דער** 'אור החיים' הקדוש זי"ע ברענגט אויפ'ן פסוק 'קדושים תהיו', די גמרא אין קידושין (לט:) 'ישב אדם ולא עבר עבירה, נותנים לו שכר כעושה מצוה' - אַז אַ איד וועלכע איז בלויז געזעסן און ער האָט אין יענע צייט נישט געטוהן אַן עבירה, באַקומט ער שכר גלייך ווי ער וואָלט מקיים געווען אַ מצוה. און אויף דעם זאָגט דער פסוק 'קדושים תהיו', אַז עס איז אַ מצות עשה, אַז ווען עס קומט אונטער פאַר'ן מענטש צו זינדיגן ח"ו, זאָל ער זיך צוריק-האַלטן און דערוויטערן דערפון. דעמאָלט איז ער מקיים אַ מצות עשה פון קדושים תהיו'.

די סיבה פאַרוואָס די תורה רופט עס אָן 'קדושים', איז, אונז צו לערנען, אַז יעדער איד וואָס איז מקיים די מצוה, איז ראוי אָנגערופן צו ווערן מיט'ן טיטל 'קדוש'. און צוליב דעם זאָגט דער פסוק, 'דבר אל כל עדת בני ישראל', ווייל די מצוה 'קדושים תהיו', איז גילטיג פאַר יעדן איד. יעדער מענטש, ווען ער איז מקיים די דאָזיגע מצוה, ווערט ער אָנגערופן 'קדוש'!

**ווי** אַזוי קען אַ איד אָנקומען צו קדושה? דורך דעם וואָס ער געוואוינט זיך צוביסלעך דערצו[ו], אַזוי ווי

---

פשוט נישט אויסהאַלטן דעם נסיון. ס'איז כמעט אַ מצב פון 'יציאת נשמה' ח"ו, אויב איך וועל נישט פאָלגן דעם יצר... זאָל ער זיך אַראָפּלערנען פון די מעשה ביים צאַנזער רב זי"ע, ווייל ביי דעם עושר האָט מען דאָך קלאָר געזעהן אַז ער קען ממש נישט אויסהאַלטן דעם שווערן דורשט יום כיפור. די נשמה האָט שוין כמעט געהאַלטן ביים אַרויספליען... אויך נאָכ'ן הערן אַז ער מעג טרינקען (לויט'ן שיעור), אָבער אַז ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס וועט איהם קאָסטן טייער, ער וועט דאַרפן געבן געלט פאר צדקה, האָט ער פלוצלינג 'פאַרלוירן' דעם דורשט... דאָס זעלבע איז מיט אונז. **אויב מיר וועלן פאַרשטיין ביי יעדן נסיון, אַז אויב מ'פאַלט אַדורך איז עס אַזוי ווי אַ שאָדן פון 100 רייניש, און פון דער אַנדערער זייט, אויב מ'טוט זיך שטאַרקן אויף דעם נסיון, האָט מען פאַרדינט 100 רייניש, וועלן אַלע שוועריגקייטן פאַרשווינדן ווערן.** דער גאַנצער נסיון וועט אויסרינען אַזוי ווי אַ 'זייפן-בלאָז'.

נאָך טיפער: דער דיין האָט געזעהן אַז דער עושר געפינט זיך אין אַ סכנה ח"ו, און אויף דעם סמך האָט ער איהם מתיר געווען צו טרינקען מיט שיעורים. דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ נסיון, און ער דאַרף זיך אַליין ענטפערן. דאָס הייסט, ער דאַרף פאַרשטיין אַז עס איז דאָ אַ פאַרדינסט קעגן אַ שאָדן, און דאָס שטאַרקן זיך אויף דעם נסיון איז פיל מער ווערד פאַר איהם, ווייל **מ'קען דאָך נישט אָפּשאַצן דעם שכר פון איינעם וואָס שטאַרקט זיך אויף די נסיונות פונעם יצר הרע** - מער ווי די ווערד פון 100 רייניש פאַר אַ גלאָז וואַסער, און ממילא, וועט זיין דורשט זיך איינשטילן.

דאָס זעלבע איז ביי יעדן נסיון וואָס אַ מענטש האָט. אויב ער פאַרשטייט אַז עס איז נאָר אַ נסיון, און ער באַטראַכט דעם ריווח וואָס ער וועט פאַרדינען פון דעם מכשול, קעגן דעם שאָדן, וועט דער נסיון פאַרשווינדן 'כאילו לא היה'.

**ו.** גאר א הייליג און טייער ווארט שרייבט דער 'תפארת שלמה' (לשבת הגדול, ד"ה 'טעמה'), ווי חשוב ס'איז יעדער 'משהו' וואָס דער מענטש טוט, און יעדע 'גוטע נקודה' וואָס ער האָט אין זיך. ער שרייבט, אַז צוליב דעם האָבן חז"ל אַזוי מחמיר געווען ביי דעם איסור פון חמץ, אַז ס'איז אסור אַפילו אַ 'משהו' חמץ, כאָטש עס האָט נישט קיין ממשות, און עס גיט נישט אַריין אַ טעם אינעם מאכל, אַ זאַך וואָס מיר געפינען נישט ביי קיין אַנדערן איסור אין דער תורה. שרייבט דער 'תפארת שלמה', אַז דאָס איז כדי מעורר צו זיין אַ זכות פאַר יעדן איד, אַז אויב עס איז איהם נאָך געבליבן כאָטש אַ 'משהו' פון אַ גוטע מדה, אפילו אויב עס האָט נישט אַ 'טעם' אין זיך, פונדעסטוועגן, 'לבלתי ידח ממנו נידח', און דער אויבערשטער וועט אַריינשיינען אין איהם און משפיע זיין אויף איהם פון זיין גרויסן חסד, עכ"ל.

### מן הבאר

דער 'בית אברהם' זאָגט אויפ'ן פסוק (ויקרא יא, מד) 'והתקדשתם והייתם קדושים', אַז מיר דאַרפן זיך לערנען פונעם שיכור. אין אָנהייב טרינקעט ער אַביסל ווין אָדער בראָנפען, און דערנאָך טרינקט ער נאָך אַביסל, און נאָך אַביסל, און נאָך, און נאָך... ביז ער ווערט אָנגערופן 'שיכור'. דאָס זעלבע ביי ענינים פון קדושה. צוערשט זאָל דער מענטש מקיים זיין דעם 'והתקדשתם', אַפילו אַביסל, און דערנאָך נאָך אַביסל, און נאָך אַביסל, ביז ער קומט אָהן צו די אמת'ע מדריגה פון קדושה.

עס שרייבט דער ׳ספר החינוך׳: א מענטש דארף וויסן און געדענקען וואס חז״ל זאגן (אבות פ״ד מ״ה) ׳עבירה גוררת עבירה, ומצוה גוררת מצוה׳. אויב דו וועסט וועלן נאכגעבן דיין תאווה איין מאל, וועסטו נאכגעצויגן ווערן נאך די תאווה אסאך מאל, און אויב דו וועסט זוכה זיין זיך צו שטארקן אויף דיין יצר, און צוריקהאלטן דיינע אויגן פון קוקן אויף שלעכטס אפילו איין מאל, וועט דיר שווער זיין לייכטער צו טוהן אזוי אסאך מאל, ווייל די תאווה טוט צוציהען דעם מענטש, אזוי ווי וויין טוט צוציהען די וואס טרינקען עס. א שיכור ווערט קיינמאל נישט זאט פון טרינקען וויין, נאר ער גליסט דערצו מיט א גרויסע תאווה, און לויט ווי ער געוואוינט זיך דערצו, אזוי שטארקט זיך זיין תאווה. אויב ער וועט טרינקען א גלאז וואסער, וועט אויסוועפן פון איהם דער ׳ברען׳ און די גליסטונג צום וויין, און עס וועט איהם זיין זיס און לעכטיג אויך אן דעם וויין. דאס זעלבע איז ביי דעם ענין פון קדושה. ווען דער מענטש ווערט צוגעוואוינט צו תאוות, שטארקט זיך אויף איהם דער יצר הרע, און ווען ער האלט זיך צוריק דערפון, טוט עס מאכן פרייליך און צופרידן.

**דער** מדרש זאגט (ויק״ר פכ״ד, ו) ׳כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה׳. דאס מיינט, וואס מער א איד מאכט גדרים און סייגים זיך צו דערווייטערן פון אן עבירה, אזוי איז ער זוכה צו א גרעסערע קדושה.

**דער** גאון בעל ׳חתם סופר׳ זי״ע זאגט (׳תורת משה׳, פ׳ קדושים, ד״ה ׳ואמר איש׳), אויף דעם פסוק אנהייב היינטיגע סדרה (יט, ג-ה) ׳איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו וגו׳, אל תפנו אל האלילים ואלהי מסכה לא תעשו לכם וגו׳, וכי תזבחו זבח שלמים לה׳ לרצונכם תזבחוהו׳.

**זאגט** דער ׳חתם סופר׳, אסאך מענטשן זענען מקיים דעם אויבערשטען׳ס מצוות, ווייל זיי זענען געוואוינט דערצו - ׳כמצוות אנשים מלומדה׳, ווייל אזוי זענען זיי ערצויגן געווארן פון זייערע עלטערן, און זיי האבן זיך צוגעוואוינט צו היטן די מצוות.

**דאס** איז די כוונה פון פסוק: ׳איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו׳. וויבאלד די דארפסט מורא האבן פאר דיין טאטע מאמע, זאלסטו היטן שבת און נישט דינען עבודה זרה, ווייל זיי האבן דיך אזוי אויסגעלערנט צו טוהן.

**וואס** איז אבער דער סימן אז דער מענטש וויל באמת דינען דעם אויבערשטען מיט זיין אייגענע בחירה, און נישט ווייל ער איז דערצויגן געווארן דערצו פון זיינע עלטערן? - דאס קען מען נאר זעהן ווען ער טוט צולייגן גדרים און סייגים, יעדער איינער לויט זיין שטאנד, וואס יעדער איינער ווייסט זייער גוט ביי וועלכע זאך ער דארף מאכן א גדר און א סייג. דאן האלט ער זיך צו דעם וואס ער דארף טוהן, און ער איז מוסיף א גדר און א סייג מער ווי דאס וואס זיינען עלטערן האבן איהם מחנך געווען דערצו.

**אויף** דעם פירט אויס די תורה: ׳וכי תזבחו זבח שלמים׳. א קרבן ׳שלמים׳ ברענגט מען דאך נישט צוליב אן עבירה וואס מ׳האט געטוהן, נאר עס איז אזוי ווי א הוספה פון א ׳נדבה׳, און וואס מער דער מענטש טוט צולייגן פון זיך אליין מער ווי די עצם מצוות, ווייזט ער אז ׳לרצונכם תזבחוהו׳ - ער טוט עס מיט זיין אייגענע בחירה און רצון און ליבשאפט צום באשעפער.

**דער** וואס שטעלט אוועק גדרים און סייגים אין קדושה, איז זוכה צו גאר גרויסע מדריגות, ווי דער גאון בעל ׳חתם סופר׳ זי״ע זאגט (פ׳ לך לך) אויף דעם פסוק (בראשית יז, א) ׳אני א-ל ש-ד-י, התהלך לפני והיה תמים׳. דו זאלסט נאכגיין נאך דעם אויבערשטען - דאס הייסט, היטן די גאנצע תורה מיט אלע אירע תנאים און פרטים, אבער דאס וואס דער טוט צוגעבן אויפ׳ן ׳סייג׳ פון זיך אליין, ווערט אנגערופן אז ער גייט לפני ה׳ - פאר דעם אויבערשטען, ווייל דער מענטש איז זיך מתבונן און ער טוט צולייגן פון זיך אליין אז ער זאל נישט אנקומען ח״ו צו טוהן אן עבירה.

**דער** ׳חתם סופר׳ גיט צו (׳תורת משה׳, פ׳ קדושים, ד״ה ׳ואומר׳), אז דורך די גדרים און סייגים דערקענט זיך די מעלה פון די אידן איבער די גוים להבדיל, ווייל די גוים לייגן נישט צו פון זיך אליין נאך גדרים. זיי טוהען נאר דאס וואס ס׳איז ׳מנהג אבותיהם בידיהם׳. זיי טוהען דאס וואס מ׳האט זיי געהייסן טוהן. די אידן, אבער, טוהען יא צוגעבן דורך הייליגן זיך אויך ביי זאכן וואס זיי מעגן יא טוהן, ווייל זיי האבן ליב דעם אויבערשטען ברוך הוא.

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר' דעם פּסוק בייםסוף פון דער היינטיגער סדרה (כ, כד) 'ואומר לכם אתם תירשו את אדמתם, ואני אתננה לכם לרשת אותה, ארץ זבת חלב ודבש, אני ה' אלוקיכם אשר הבדלתי אתכם מן העמים', און די גמרא זאָגט (ברכות לה:) אויף דעם פּסוק 'ואספת דגנך' וגו', זאָגט רבי ישמעאל, 'הנהג בהם מנהג דרך ארץ'. דו זאָלסט זיך פירן אַזוי ווי ס'איז דער מנהג העולם (צו אַרבעטן אויפ'ן פעלד, אַז עס זאָל אַרויסגעבן פּירות און תבואות). רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אָבער, צי דען איז מעגליך אַז דער מענטש אַקערט דעמאָלס ווען מ'דאַרף אַקערן, און ער טוט איינזייען ווען מ'דאַרף איינזייען דעם פעלד, און ער שניידט ווען מ'דאַרף שניידן, און ער דרעשט ווען מ'דאַרף דרעשן, און אַזוי ווייטער, וואָס וועט זיין מיט די תורה? ווען וועט ער האָבן צייט צו לערנען? נאָר וואָס דען - זאָגט רבי שמעון בן יוחאי - ווען די אידן טוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען, ווערט זייער אַרבעט געטוהן דורך אַנדערע מענטשן.

לויט דעם איז די כוונה פון פּסוק, דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, 'ואומר לכם אתם תירשו את אדמתם'. איר וועט אַרבעטן אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט 'ואספת דגנך', אָבער איך וועל טוהן מיט אייך נאָך אַ חסד, 'ואני אתננה לכם לרשת אותה', אָן דעם וואָס איר זאָלט דאַרפן אַרבעטן שווער דערויף, ווייל 'אני ה' אלוקיכם אשר הבדלתי אתכם מן העמים'. דורך דעם וועט זיך דערקענען דער גרויסער חילוק צווישן די אידן און די גוים. דאָס הייסט, אַז אין זכות פון מאַכן גדרים און סייגים, וועלן מיר זוכה זיין צו באַקומען ארץ ישראל, און עס וועט אויפגעהויבן ווערן דער אידישער כבוד ביי די גוים.

**אויף אַן אַנדער אָרט** (דרשות, שבת שובה שנת תקנ"ח), זאָגט דער 'חתם סופר', אַז די גדרים און סייגים זענען די מויער וואָס שיצט אונז פון אַן 'עין הרע' פון די גוים.

# פסח שני

**למה נגרע - כאָטש איך בין ליידער פאַרזינקען, אָבער 'רצונינו לראות את מלכינו'**

**מיר** שטייען יעצט נאָנט צו 'פסח שני'. עס איז באַקאַנט וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט וועגן דעם טאָג פון פסח שני (רעיא מהימנא, ח"ג, קנב:) אַז מ'רופט אויס אין הימל אַ 'כרוז', אַז יעדער איינער וואָס וויל קומען זעהן 'את פני האדון ה'' - דעם אויבערשטען כביכול, קען קומען אין די יעצטיגע טעג, און אַריינגיין איידער מ'פאַרשליסט די טויערן.

**זאָגט** דער זוהר הקדוש ווייטער, ווען גייט אַרויס דער דאָזיגער 'כרוז', וואָס רופט אויס אין הימל? דער 'כרוז' גייט אַרויס אין 14-טן טאָג פון צווייטן חודש אייר, ווייל פון דעמאָלט ביז זיבן טעג שפּעטער, זענען די טויערן אָפן, פון דאַן און ווייטער פאַרמאַכט מען די טויערן, ע"כ.

**דאַרף** מען לכאורה פאַרשטיין, אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט דווקא אין דעם טאָג פון פסח שני? לויט ווי דער זוהר זאָגט דאָרט, ווערן די טויערן געעפענט אַזוי ווי פסח ביינאַכט ווען מיר טוהען אָפּרעכטן דעם 'סדר', און זיי פאַרבלייבן אָפן ביז זיבן טעג נאָך פסח שני, נאָר אין פסח שני גייט אַרויס דער 'כרוז' וואָס לאָזט וויסן אַז אין זיבן טעג פון יעצט וועט מען פאַרמאַכן די טויערן. אויב אַזוי, וואָס איז דער ענין פון פסח שני דייקא.

**נאָר** ס'איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע שרייבט (עבודת ישראל, פ' ראה, ד"ה 'ראה'), אַז די מלחמה מיט'ן יצר הרע איז אַ גאָר שווערע מלחמה, און ס'איז כמעט נישט מעגליך אַז דער מענטש זאָל איינעמען דעם יצר הרע, נאָר דורך דער הילף פונעם באַשעפער. די דאָזיגע הילף קומט פון דעם דיבור פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט געזאָגט 'ובחרת בחיים'. די ווערטער לאָזן איבער אַ רושם אין האַרץ פון יעדן איד אַז ער זאָל זיין בכח אויסצואויילן דעם גוטן וועג.

**דאָס** זעלבע לענינינו, כאָטש ס'איז אמת אַז די טויערן זענען אָפן שוין פון פריער, אָבער ווייניג מענטשן שטופּן זיך אַריינצוקומען אינעם היכל פונעם קעניג, דער באַשעפער, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. אויף דעם גייט אַרויס דער 'כרוז' וואָס רופט אויס אין פסח שני, אַז יעדער איינער קען יעצט קומען קוקן און זעהן 'את פני האדון ה'', ווייל יעצט זענען די טויערן נאָך אָפן. אט דער 'כרוז', איז מעורר אין אידישע הערצער אַ גרויסע התעוררות און אַ כח אַריינצוקומען אין די טויערן, 'שער לפנים משער'.

**מיר** דאַרפן זיך אָבער גוט מתבונן זיין אין די פרשה פון פסח שני. דער פסוק דערציילט (במדבר ט, ז) אַז די מענטשן וואָס זענען געווען 'טמא לנפש' האָבן געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, 'אנחנו טמאים לנפש אדם, למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו'. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין וואָס איז געווען זייער טענה? זיי האָבן דאָך אַליין געענטפערט אויף זייער פראַגע 'למה נגרע', ווייל זיי זענען 'טמא לנפש אדם', און אַ טמא'נער מענטש פון טומאת מת קען נישט מקריב זיין אַ קרבן. זענען זיי דאָך גלייך צו אַ מענטש וואָס עס פעלט איהם אַ האַנט רח"ל און ער וועט קומען פרעגן 'פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען לייגן תפילין יעדן טאָג'...

**אויך** זעהט מען דאָ אַ וואונדערליכע זאַך, אַז די טמא'נע מענטשן האָבן זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט זיי מחדש געווען אַ נייע זאַך מן התורה, אַ בחינה פון 'תורה חדשה מאתי תצא' - אַ זאַך וואָס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט, ווייל אַפילו ביי די טעכטער פון צלפחד, וואָס ביי זיי איז נתחדש געוואָרן אַ נייע הלכה, זאָגן אָבער חז"ל (ספרי במדבר, קלד, ד"ה 'ויאמר'), אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט, 'כבר כתובה פרשה זו לפני במרום'. די פרשה איז שוין געווען געשריבן פריער פאַר מיר אין הימל, און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט (במדבר כז, ז) 'כן בנות צלפחד דוברות', אָבער דאָ איז יאָ אַרויסגעגאַנגען אַ 'נייע תורה'.

**זאָגט** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (געברענגט אין 'בית ישראל', פ' אמור תשכ"ט), אַז מ'מוז על כרחך זאָגן, אַז די אַלע 'טמאים לנפש אדם' האָבן נישט געפרעגט 'למה נגרע', נאָר זיי האָבן 'אַרויסגעשריגן' פון די טיפענישן פון זייערע הערצער, 'למה נגרע'... אַוודאי ווייסן מיר, אַז מיר זענען טמא, אָבער מיר ווילן פאָרט זיין אין כלל פון די אידן וואָס זענען מקריב אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען, און דווקא די השתוקקות וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט טאַקע געפירט דערצו אַז 'תורה חדשה מאתי תצא'.

**אָט** דאָס איז דער לימוד פון פסח שני, פאַר יעדן איד, אין יעדן מצב און אין יעדן אָרט וואו ער געפינט זיך, אויב ער וועט אויסשרייען הויך אויפ'ן קול פאַר'ן באַשעפער 'למה נגרע', פאַרוואָס בין איך ווייניגער, באַטש איך בין לײַדער פאַרזינקען אין די הבלי עולם הזה, אָבער 'רצונינו לראות את מלכינו', דאַן וועט דער אויבערשטער עפענען פאַר איהם די טויערן פון הימל, און ער וועט זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם באַשעפער'ס הייליגן היכל[ח].

**נאָכדעם** וואו די 'טמאים לנפש אדם' האָבן גע'טענה'ט 'למה נגרע', געפינען מיר אין פסוק (במדבר ט) אַז משה רבינו ע"ה האָט זיי געזאָגט, 'עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם', און דער אויבערשטער האָט טאַקע געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, אַז דער וואָס איז געווען אויף אַ ווייטן וועג אָדער ער איז געווען טמא, זאָל ער מקריב זיין דעם קרבן פסח, חודש אייר, אין פערצענטן טאָג פון חודש.

**פרעגט** דער שינאַווער רב זי"ע ('דברי יחזקאל' החדש, ע' עב), משה רבינו ע"ה איז דאָך געווען דער 'ענוו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה' (וואו עס שטייט טאַקע דאָרט סוף פרשת בהעלותך). אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט אַז זיי זאָלן שטיין און וואַרט ביז ער וועט הערן וואָס דער אויבערשטער וועט באַפעלן פאַר זיי?

---

**ז.** אַ איד וואָס איז פאַר די צווייטע וועלט מלחמה לײַדער נישט געווען אַ שומר תורה ומצוות, האָט איינמאָל אין די ביטערע צייט פון די מלחמה גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט געראַטעוועט ווערן און אַרויסגיין לעבעדיג פון לאַגער, וועט ער אָנטוהן תפילין יעדן טאָג (אין לאַגער, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין תפילין). ער איז טאַקע געבליבן לעבן מיט גרויסע ניסים (כמעט דער איינציגער פון גאַנצן לאַגער). אין טאָג פון זיין באַפרייאונג, ווען עס זענען נאָך אָנגעגאַנגען העפטיגע שלאַכטן צווישן די אַמעריקאַנער אַרמיי און די דייטשע אַרמיי, איז אַ שראַפנעל געפאַלן אויף זיין לינקע האַנט און ער האָט לײַדער פאַרלוירן די האַנט רח"ל.

אַ צייט שפּעטער, ווען דער איד האָט באַקומען די מעגליכקייט צו קומען וואוינען אין אַמעריקע, איז ער אַריינגעגאַנגען צום פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, און פאַר איהם אויסגעדרוקט זיין ווייטאָג: ווי אַזוי איז מעגליך, אַז פונקט די האַנט (די לינקע האַנט) וואָס איך האָב געוואָלט מקיים זיין דערויף מיין צוזאָג און לייגן תפילין דערויף, איז אָפּגעהאַקט געוואָרן שוין אין טאָג פון מיין באַפרייאונג? האָט דער ליובאַוויטשער רבי איהם געזאָגט:

- אויב דו וואָלסט געבליבן מיט זיין לינקע האַנט, וואָלט נאָך געקענט מיינען אַז **דער אויבערשטער דאַרף האָבן דיין תפילין-לייגן**, וואָס דאָס איז נישט ריכטיג, ווייל דער אויבערשטער נויטיגט זיך נישט אין אונזערע גשמיות'דיגע פעולות פאַר'ן קיום המצוה, נאָר ער דאַרף **די טהרה און התעוררות פון האַרץ בעת מ'איז מקיים די מצוה**, און דאָס קענסטו דאָך מקיים זיין אויך ווען דו האָסט נישט די לינקע האַנט, ווי דער פסוק זאָגט (שה"ש ה, ח) 'מה תגידו לו **שחולת אהבה אני**'. דאָס איז אַ זאַך וואָס די גוים קענען נישט פאַרשטיין, זיי מיינען אַז די גאַנצע מעלה פון אידישע קינדער איז נאָר דאָס וואָס זיי זענען מקיים די מצוות בפועל. דער אמת איז אָבער אַז 'חולת אהבה אני', און דאָס דאַרפט איר זאָגט צו דעם אויבערשטען, 'שחולת אהבה אני'.

**ח.** אַמאָל שבת פרשת בהעלותך, איז הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע, געזעסן ביים טיש, און זיין פנים האָט געפלאַמט. ער האָט געהאַלטן דעם בעכער אין האַנט און עס געוואָרפן פון איין אָרט צום אַנדערן, שרייענדיג **'למה נגרע... למה נגרע... אַ טענה, אַ טענה... תורה חדשה מאתי תצא... למה נגרע, למה נגרע'**... ער האָט מסתמא געמיינט דאָס וואָס מיר שמועסן יעצט, אַז דורך די טענה וואָס אַ איד שרייט אויס הויך 'למה נגרע', ברענגט דער אויבערשטער אַראָפּ פאַר איהם אַפילו אַ 'נייע תורה'.

**ענטפערט** דער שינאָווער רב, אַז משה רבינו ע"ה האָט זיך נישט פאַרזיכערט אויף זיין אייגענעם זכות אַז דער אויבערשטער וועט איהם ענטפערן וואָס עס איז זייער הלכה, נאָר נאָך דעם ווי ער האָט געוואוסט וועגן די גרויסקייט פון אַ איד וואָס שרייט אַז ער וויל זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען, וועט דער אויבערשטער איהם אַוודאי ענטפערן, און וועגן דעם האָט ער זיי געזאָגט מיט זיכערקייט: 'עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם'.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל דער אויבערשטער כביכול זיצט און קוקט אַרויס אויף אידישע קינדער, אַז זיי זאָלן טוהן תשובה שלימה און דאַן וועט ער זיי אָננעמען און דערנענטערן צו זיך, ווי עס שטייט אין 'תנא דבי אליהו' (רבה, פרק כב) אַז אַפילו אויב דער מענטש האָט געטוהן 100 עבירות איינס גרעסער פון די צווייטע, און ער האָט תשובה געטוהן דערויף, 'הריני עמו ברחמים, ואקבל את תשובתו' - וועל איך זיך פירן מיט איהם מיט מדת הרחמים, און איך וועל אָננעמען זיין תשובה, און אַפילו אויב דער מענטש שטייט און איז 'מחרף' כלפי מעלה ח"ו, און ער וועט דערנאָך תשובה טוהן דערויף, איז דער אויבערשטער איהם מוחל אַלע זיינע עבירות[ט].

**דער** אָנהייב פון ספר במדבר, הייבט זיך אָן אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה אין מדבר

---

**ט.** דער יצר הרע קומט דאָך כסדר מיט טענות צום מענטש, וואָס האָסטו תשובה צו טוהן און זאָגן פאַר'ן באַשעפער, איך האָב געזינדיגט און פון היינט און ווייטער וועל איך זיך שוין פירן גוט, דו האָסט דאָך שוין דאָס זעלבע געזאָגט נעכט און אייער-נעכטן, איז וואָס האָסטו צו זאָגן ליגן פאַר'ן באַשעפער... איז דער ענטפער, מיט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביים גערער רבי'ן הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע. אַ בחור אין די ישיבה האָט געדאַרפט פאָרן קיין חוץ לארץ, און מורא האָבנדיג אַז ער וועט פאַרשלאָפן און פאַרפאַסן די נסיעה, איז ער געבליבן וואַך אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָגס, איז דער בחור געגאַנגען דאַווענען ביים כותל מערבי, וואָס איז דעמאָלס געווען ליידיג פון מתפללים, און אַט שפּירט ער ווי עמיצער קלאַפּט איהם אויפ'ן פלייצע... ער דרייט זיך אויס און ער זעהט אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער רבי, דער 'בית ישראל'... דער 'בית ישראל' האָט איהם געפרעגט: זאָג נאָר, בחור, וואָס איז די גרעסטע שבח מיט וועלכע מ'קען לויבן דעם אויבערשטען? און ער האָט אַליין געענטפערט: **דער גרעסטער שבח איז אַז דער אויבערשטער לאַכט נישט...** און דער רבי איז פאַרשוואונדן פון דאָרט. דער בחור, האָט זיך געפונען אין אַ גרויסע פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיג וואָס דער רבי האָט געוואָלט פון איהם.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין די ישיבה 'שפת אמת', האָט ער געזעהן אַז עס איז שוין ליכטיג אינעם צימער פונעם ראש ישיבה, דער שפּעטערדיגער גערער רבי, בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט ער אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, און דערציילט פאַר'ן ראש ישיבה, וואָס ער האָט ערשט יעצט געהאַט מיט'ן רבי'ן, דעם 'בית ישראל', ביים כותל מערבי, און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט נישט קיין אַנונג וואָס דער רבי האָט איהם דערמיט געוואָלט זאָגן. פון וואָס און פון וועמען האָט דען דער באַשעפער צו לאַכן, וואָס דער רבי זאָגט אַז פונדעסטוועגן לאַכט ער נישט... האָט דער 'פני מנחם' איהם ערקלערט די כוונה פונעם 'בית ישראל', זאָגנדיג:

- צום ביישפּיל, ווען איך, אַלס ראש ישיבה, זאָל צוגיין צו אַ בחור אין ישיבה און איהם מעורר זיין וועגן אַ געוויסע הנהגה זיינע אַז עס טויג נישט, און דער בחור וועט מיר געבן גערעכט און צוזאָגן אַז פון היינט און ווייטער וועט ער מער נישט באַגיין די עוולה, און עס וועט אַריבערגיין אַ טאָג און דער בחור וועט ווייטער באַגיין די זעלבע עוולה, און כ'וועל איהם נאָך אַמאָל מעורר זיין דערויף, און ער וועט מיר צוזאָגן אַז פון היינט און ווייטער וועט ער עס מער נישט טוהן, וועל איך איהם נאָך קענען מוחל זיין. אָבער אויב עס וועט אָנגיין אַזוי אַסאַך מאָל, און כ'וועל זעהן אַז דער בחור האַלט נישט ביים פאָלגן וואָס מ'זאָגט איהם, וועל איך איהם שוין ענטפערן, איך גלייב דיך נישט מער, דו ביזט שוין אַ געלעכטער אין מיינע אויגן מיט דיינע הבטחות... אָבער **דער אויבערשטער איז אַנדערש, אויך אויב מיר וועלן קומען און איהם זאָגן הונדערט מאָל אָדער מער אַז פון היינט און ווייטער וועל איך מער נישט באַגיין די עוולה, וועט דער אויבערשטער נישט לאַכן פון אונז, נאָר ער וועט אונז אָננעמען מיט די זעלבע ליבשאַפט ווי ווען מיר האָבן איהם צוגעזאָגט דאָס ערשטע מאָל**, און דאָס האָט דער רבי געמיינט צו זאָגן מיט די ווערטער, 'דער אויבערשטער לאַכט נישט'...

סיני, אין חודש אייר, 'באחד לחדש השני בשנה השנית, לצאתם מארץ מצרים'. שפעטער אין פרשת בהעלותך (במדבר ט, א-ב) זאגט די תורה 'ויעשו בני ישראל את הפסח', וועלכע באציהט זיך צו דעם קרבן פסח פון חודש ניסן.

**פרעגט** דארט רש"י, מיר ווייסן אַז 'אין מוקדם ומאוחר בתורה', אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט די תורה נישט אָנגעהויבן מיט די פרשה פון קרבן פסח, זאָגט רש"י, ווייל עס איז אַ גנאי פאַר די אידן אַז אַלע פערציג יאָר וואָס זיי זענען געווען אין מדבר, האָבן זיי נישט מקריב געווען אַן אַנדערן קרבן נאָר דעם קרבן פסח.

**פרעגט** הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע (ימים האחרונים של סוכות, ד"ה 'וללוי אמר'), וואָס פאַר אַ גנאי איז עס פאַר די אידן אַז זיי האָבן נישט מקריב געווען קרבנות אין מדבר, זיי זענען דאָך געווען 'אנוסים', ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט מל'ען, וויבאַלד עס האָט נישט געבלאָזן אַ צפון-ווינט אין מדבר, וואָס דער צפון-ווינט היילט אויס די מילה (יבמות עב). ממילא, קען מען דאָך נישט האָבן אַ טענה צו די אידן פאַרוואָס זיי האָבן נישט מקריב געווען קרבנות אין מדבר.

**ענטפערט** דער 'אמרי אמת', אַז כאָטש זיי זענען טאַקע געווען אַן אונס ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט מל'ען, און ממילא, זענען זיי געווען פטור פון מקריב זיין דעם קרבן פסח, אָבער אויב זיי וואָלטן געשריגן 'למה נגרע', וואָלטן זיי שוין געפונען אַן עצה זיך צו מל'ען אויך אינעם מדבר...

**וועט** דער מענטש קומען און זאָגן, אָבער טראָץ די אַלע חיזוק ווערטער, בין איך דאָך אָבער פאָרט דערווייטערט פונעם אויבערשטען כביכול, און ווער זאָגט אַז אויך איך בין אימשטאַנד צו ווערן נאָנט צו דעם אויבערשטען.

**איז** דער תירוץ אויף דעם, לויט ווי הרה"ק רבי מענדעלע רימנוב'ער זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (מגילה כג:) אַז יעדער 'דבר שבקדושה' דאַרף געזאָגט ווערן דורך לכה"פ צען מענטשן, און מ'לערנט עס אַרויס פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, לב) 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', און די גמרא לערנט אַרויס אַ 'גזירה שוה', עס שטייט צוויי מאָל דאָס וואָרט 'תוך', ביי די עדה פון קרח שטייט (במדבר טז, כא) 'הבדלו מתוך העדה', און דאָרט זענען זיי געווען צען מענטשן, ווייל מ'לערנט אַרויס אַ 'גזירה שוה', 'עדה עדה', עס שטייט דאָ 'העדה הזאת', און ביי די מרגלים (במדבר יד, כז) שטייט 'עד מתי לעדה הרעה הזאת', וואָס אויך דאָרט איז די 'עדה' באַשטאַנען פון צען מענטשן (די מרגלים, אויסער יהושע און כלב וועלכע האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן מיט זייער עצה).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, היתכן אַז מ'לערנט אַרויס דעם גאַנצן מקור אַז יעדער 'דבר שבקדושה' דאַרף געזאָגט ווערן דורך צען מענטשן צוזאַמען, פון די חוטאים, די עדת קרח, און די מרגלים?

**זאָגט** דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע, אַז אדרבה, טאַקע דאָס האָט די גמרא אונז געוואָלט לערנען, אַז אַפילו אַזעלכע רשעים גמורים ווי קרח און זיין עדה, און די מרגלים, איז זייער פנימיות - זייער 'תוך' - געווען גוט, און זיי קענען נאָך אַלץ האָבן אַ תיקון, ווייל אַלע זייערע שלעכטע מעשים זענען נאָר געווען אַן אויסערליכער לבוש, און פון זיי קען מען אַרויסלערנען אויף יעדן דבר שבקדושה.

**לויט** דעם טייטשן די ספרים די ווערטער פון חז"ל (סנהדרין קב.) אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעכאַפּט ירבעם בן נבט ביי זיין קלייד און איהם געזאָגט, טוה תשובה, און איך און דו און בן ישי וועלן מיר שפּאַצירן אין גן עדן. ירבעם איז דאָך געווען אַ גרויסער רשע, ער האָט געמאַכט אידן זינדיגן רח"ל, אָבער דער אויבערשטער האָט אָנגעכאַפּט ביי זיין בגד און איהם געזאָגט, אין דיין פנימיות, ביזטו דאָך פאָרט אַ איד... אַלע דיינע שלעכטע מעשים זענען נאָר ווי אַ 'קלייד' וואָס טוט צודעקן דעם מענטש פון דרויסן. ממילא, 'חזור בך', טוה תשובה און נעם אַראָפּ פון זיך דיינע פאַרשמירטע קליידער, און דאַן, ווען דו וועסט טוהן תשובה שלימה, וועל איך שפּאַצירן מיר דיר און מיט דוד המלך אין גן עדן.

# ל"ג בעומר

**הילולא - רבי שמעון'ס גרויסע שמחה אין דעם הייליגן טאָג**

**'עת** שמחה היום לנו'. דער טאָג ל"ג בעומר, איז אַ פרייליכער טאָג', אַזוי ווי דער חיד"א זצ"ל שרייבט ('מורה באצבע', אות רכג) 'ירבה בשמחה לכבוד רשב"י זי"ע, כי הוא יומא דהילולא דיליה, ונודע מרצונו שישמחו ביום זה'. מ'זאָל זיין זייער פרייליך לכבוד רבי שמעון בן יוחאי זי"ע, ווייל עס איז דער טאָג פון זיין הילולא, און עס איז באַקאַנט אַז ער האָט געוואָלט אַז אידן זאָלן זיך פרייען אין דעם טאָג[יא], אַזוויי עס איז באַקאַנט די מעשה פון מהר"א הלוי זלה"ה[יב]. אזוי ווענן דאָ

---

**י.** הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, האָט געזאָגט אויף די פיר זון וועלכע ווערן דערמאנט אין די הגדה של פסח. אין די הגדה, ווערט דער דריטער זון באַצייכענט אַלס אַ **'תם'**: 'תם מה הוא אומר'. אין ירושלמי ווערט ער אָבער באַצייכנט אַלס **'טיפש'**: 'טיפש מה הוא אומר'... האָט דער סאַטמאַרער רב זי"ע געפרעגט, וואָס האָט דער 'תם' אַזוי געזינדיגט, אַז דער ירושלמי באַצייכנט איהם מיט דעם טיטול 'טיפש'. דער גאַנצער חסרון פון דעם 'תם' איז דאָך נאָר אַז ער איז נישט אַ 'חכם', אָבער פאַרוואָס רופט מען איהם 'טיפש'...

ענטפערט דער סאַטמאַרער רב זי"ע, חז"ל זאָגן (ב"ב קנח:) 'אוירא דארץ ישראל מחכים'. די לופט פון ארץ ישראל גיט אַריין חכמה אינעם מענטש. אויב דער 'תם' וואוינט אין ארץ ישראל, און **ער האָט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו ווערן קלוג**, ווייל ער איז דאָך געבליבן אַ 'תם', מוז על כרחך זיין אַז ער איז אַ גרויסער טיפש... דעריבער טוט דער ירושלמי, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין ארץ ישראל, איהם באַצייכענען אַלס 'טיפש', און נישט נאָר אַלס אַ 'תם'...

הגאון רבי געציל בערקאָוויטש שליט"א, דומ"ץ קרית יואל, דערציילט, אַז אַלס בחור האָט ער איין יאָר זוכה געווען צו זיין צווישן די יחידים (זעקס אָדער זיבן בחורים מצויינים), וואָס האָבן זוכה געווען מיטצוהאַלטן ביים 'סדר' פון סאַטמאַרער רב זי"ע. ביים זאָגן די הגדה, ווען ער איז אָנגעקומען צו 'תם מה הוא אומר', האָט דער רבי איבערגעזאָגט דאָס דערמאנטע וואָרט, און צוגעגעבן, אַז ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, האָט ער אַמאָל באַזוכט ביי דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און איהם געזאָגט דאָס וואָרט, און דער 'חזון איש' האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם וואָרט, ווייל ער האָט שפּעטער באַקומען אַ 'גרוס', אַז דער 'חזון איש' האָט שפּעטער איבערגעזאָגט דאָס וואָרט פאַר עטליכע אידן.

די טיפע נקודה וואָס מיר קענען אַרויסנעמען פון דעם טייערן וואָרט פון סאַטמאַרער רב זי"ע איז, אַז מיר לערנען דערפון אַ גרויסן יסוד. **דער מענטש וואָס געפינט זיך אויף אַ הייליגן אָרט, אָדער אין אַ געהויבענעם זמן** (יום טוב, די טעג פון ספירה, ל"ג בעומר, און אַנדערע, אָדער לגבי דעם 'אָרט', ווי דער הייליגער ציון הרשב"י אין מירון, א.ד.ג.), **אויב דער מענטש האָט נישט גענוג שכל קונה צו זיין דעמאָלס פאַר זיך נצחיות'דיגע קנינים, זיך צו נעמען אין די הענט, נאָר ער בלייבט ווייטער דער זעלבער ווי פריער, ער טוט פאַרוואַסערן די גאָלדענע געלעגנהייט וואָס מ'האָט איהם געגעבן, איז נישט נאָר אַז עס פעלט איהם חכמה, און ער איז אַ 'תם', נאָר ער איז ממש אַ 'טיפש'**, ווייל ווען דער מענטש באַקומט אַ שעת הכושר צו אינוועסטירן ווייניג און ער קען ווערן ממש אַ 'מיליאָנער', אָבער ער פוילט זיך און ער בלייבט ווייטער ליגן אויפ'ן בעט, אָדער ער גיט זיך אָפּ מיט נאַרישקייטן, איז דאָך נישט דאָ אַ גרעסערע טיפשות פון דעם... ווי חז"ל זאָגן (חגיגה ד.) 'איזהו שוטה, המאבד כל מה שנותנים לו'.

**יא.** דער פסוק זאָגט (בראשית כא, ו) 'ותאמר שרה צחוק עשה לי אלוקים, כל השומע יצחק לי'. זאָגט רש"י, אַז אַסאַך עקרות זענען געהאָלפן געוואָרן צוזאַמען מיט שרה אמינו ע"ה. אַסאַך קראַנקע זענען אויסגעהיילט געוואָרן אין יענעם טאָג, 'ורב שחוק היה בעולם' - ס'איז געווען אַ גרויסער געלעכטער (פון שמחה) אויף דער וועלט. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אויסגעפעלט אַז דער אויבערשטער זאָל באַווייזן אַזאַ נס.

ענטפערט דער ברעזשאַנער רב הגאון מהרש"ם זצ"ל, אין זיין ספר 'תכלת מרדכי', אַז מיט זייערע לויטערע און ריינע מידות, האָבן אברהם אבינו און שרה אמינו ע"ה, זיך נישט געקענט פרייען מיט'ן געבורט פון זייער בן

אידן וואָס פירן זיך אַז צען מענטשן זאָלן לערנען אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר די שבחים פון רשב"י, וואָס ווערן געברענגט באריכות אין זוהר און אין 'אידרא זוטא', און עס איז אַ שיינער מנהג', עכ"ל.

---

יחיד ווען זיי זענען שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, אין אַ צייט ווען עס זענען דאָ אויף דער וועלט אַסאַך עקרות און חולים ל"ע. צוליב דעם האָט דער באַשעפער געהאָלפן אַלע עקרות, און ער האָט אויסגעהיילט אַלע קראַנקע - אַלץ **כדי אברהם אבינו און שרה אמינו זאָלן זיך קענען פרייען** מיט'ן געבורט פון יצחק אבינו ע"ה.

לענינינו, ווען עס קומט די יומא דהילולא פונעם תנא האלוקי רשב"י (וואָס דער טייטש פון וואָרט 'הילולא' איז שמחה), **קען דער צדיק נישט זיין בשמחה אין זיין גרויסן טאָג, אויב אידישע קינדער זענען נעבעך אַזוי פאַרווייטאָגט** - יעדער איינער מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען און ווייטאָגן. ממילא, דאַרף דער אויבערשטער כביכול אויסהיילן די חולי ישראל, העלפן די עקרות מיט קינדער, טרעפן גוטע שידוכים פאַר די וואָס לעכצן נאָך אַ שידוך, משפיע זיין פּרנסה וכו', און אַסאַך שמחה אויף דער וועלט, ווייל נאָר אַזוי וועט דער צדיק רבי שמעון בר יוחאי זיך קענען פרייען אין דעם טאָג פון זיין שמחה...

### מן הבאר

הגה"ח רבי אליהו ראָטה זצ"ל, דער משמש בקודש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, האָט דערציילט, אַז איין יאָר, איידער רבי שלמה'קע איז אַרויסגעפאָרן קיין מירון לכבוד ל"ג בעומר, האָט רבי שלמה'קע געזאָגט צו רבי אליהו ראָטה אַז ער וויל זיך אַביסל אָפּרוהען, און ווען אַלע פאַסאַזשירן וועלן אָנקומען און זיין גרייט צו פאָרן, זאָל ער איהם קומען מעלדן. עטליכע מינוט שפּעטער, האָט רבי אליהו געלאָזט וויסן פאַר רבי שלמה'קע אַז דער עולם איז שוין גרייט צו פאָרן. אַריינקומענדיג אין רבי שלמה'קע'ס צימער, האָט רבי אליהו ראָטה באַמערקט אַז דער קישן און די דאָכענע פון רבי שלמה'קע זענען געווען אַדורכגעווייקט פון די טרערן וואָס רבי שלמה'קע האָט פאַרגאָסן. דאַן האָט רבי אליהו שוין פאַרשטאַנען פון וואָס ס'איז באַשטאַנען דער 'דרימל' פון רבי שלמה'קע...

באַלד ווען רבי שלמה'קע איז אַרויפגעשטיגן אויפ'ן באָס, האָט ער מעורר געווען דעם עולם צו זיין 'בשמחה', 'בשמחה'. אינמיטן וועג, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע מרגיש געווען אַז רבי אליהו ראָטה פאַסט היינט, און ער האָט איהם באַפוילן תיכף אָפּצושטעלן זיין תענית, ווייל אַ טאָג ווען מ'פאָרט צו רבי שמעון בר יוחאי איז אַ פרייליכער טאָג, 'זה היום נגילה ונשמחה בו'.

**יב.** דעם דאָזיגן סיפור ברענגט הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('שער הכוונות', דרוש ו', ענין ל"ג בעומר), אַז הרב רבי אברהם הלוי זי"ע האָט דערציילט, אַז ער פלעגט יעדן טאָג זאָגן אין תפילת 'שמונה עשרה' פון מנחה, 'נחם את אבלי ציון ואת אבלי ירושלים', טרויערנדיג אויף חורבן ירושלים. אויך אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ווען ער איז געווען ביי דעם 'ציון' פון דעם תנא האלוקי רשב"י אין מירון, האָט ער געזאָגט 'נחם' אין די 'שמונה עשרה' פון מנחה. ווען ער האָט געענדיגט דאַווענען 'שמונה עשרה', האָט דער אריז"ל איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן רבי שמעון בן יוחאי 'בהקיץ', שטייענדיג ביי זיין קבר, און ער האָט מיר באַפוילן אַז איך זאָל דיך פרעגן פאַרוואָס דו טוסט **צעשטערן זיין גרויסע שמחה**, און דו זאָגסט 'נחם' אין דעם געהויבענעם טאָג. (וויינוגער ווי אַ חודש שפּעטער, איז איינער פון די קינדער פון רבי אברהם הלוי אַוועק פון דער וועלט ל"ע). מיר ווייסן דאָך אַז **'מכלל לאו, אתה שומע הן' - ווי שטאַרק רבי שמעון בן יוחאי פרייט זיך, ווען מיר פרייען זיך אין זיין גרויסן טאָג.**

און כאָטש די מעשה איז פאָרגעקומען ביים ציון הרשב"י אין מירון, אָבער אַז דער חיד"א ז"ל ברענגט עס, קען מען זעהן פון דעם אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא 'באתריה דמר', אין מירון ביי רבי שמעון, נאָר **רבי שמעון וויל אַז איבעראל זאָלן מיר זיך פרייען מיט זיין שמחה.**

**יג.** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע האָט זיך געפירט (און אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער גאון בעל 'אמרי אש' זצ"ל), פאָרצולערנען אין די ספירה-טעג אַ שיעור פאַר זיינע תלמידים אין ישיבה, אין מסכתא שבועות. יעדן טאָג האָט דער 'חתם סופר' פאָרגעלערנט נאָך אַ בלאַט (זעה שאלות ותשובות 'חתם סופר', חלק אבן העזר סי' ק, ד"ה 'בתשובות הרשב"א', וואו דער 'חתם סופר' שרייבט: 'ובכל שנה בלמדי שבועות עם התלמידים, אמרתי קושיא זו...'). **וויבאַלד מסכת' שבועות האָט 49 בלאַט, האָט מען**

'עד היכן הדברים מגיעין', קענען מיר לערנען פון די ווערטער וואָס עס שרייבט דער מהרי"ל ז"ל אין אַ תשובה (שאלות ותשובות מהרי"ל החדשות, סי' קד), וועגן די שאלה וואָס מ'האָט איהם אָנגעפרעגט וועגן איינעם וואָס טאָר נישט עסן אויסער זיין הויז, נאָר ביי אַ סעודת מצוה [צוליב אַ נדר וואָס ער האָט געמאַכט, וכדומה]. פרעגט דער שואל דעם מהרי"ל ז"ל, וואָס איז דער גדר פון אַ 'סעודת מצוה'.

**ענטפערט** דער מהרי"ל בזה הלשון: אַ 'סעודת מצוה' איז אַ ברית מילה און פדיון הבן. אַ סיום מסכתא, און דער וואָס האָט הנאה פון אַ סעודה פון אַ תלמיד חכם, איז גלייך ווי ער וואָלט געניאָסן פון די שיינקייט פון די שכינה, אַזוי ווי חז"ל דרש'ענען פון די סעודה פון יתרו (ברכות סד.), און דעריבער איז ל"ג בעומר אויך אַ סעודה מצוה, עכ"ל.

**פון** די ווערטער פונעם מהרי"ל זעהען מיר קלאָר, אַז אַ סעודה לכבוד רבי שמעון בן יוחאי איז אויך אַ 'סעודת מצוה', און עס איז גלייך ווי מ'איז נהנה פון די שיינקייט פון די שכינה. [ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, און מ'דאַרף עס אפילו נישט זאָגן, אַז דאָס וואָס דער מהרי"ל האָט געשריבן אין אַ תשובה להלכה למעשה, זענען נישט געזאָגט געוואָרן נאָר וועגן אַ סעודה אין אתרא קדישא מירון... נאָר וועגן אַ סעודה וואָס מ'טוט אָפּרעכטן אין חוץ לארץ].

### אתכנשו להילולא דרבי שמעון - התקשרות צו רבי שמעון בן יוחאי

**אין** זוהר הקדוש (פ' האזינו, אידרא זוטא רצו:) ווערט געשילדערט דער גאַנצער סדר פון די לוי' פון היילגן תנאי רבי שמעון בן יוחאי (זעה אין ספר 'כוחו דרשב"י', מערכת ד'). ווען מאַסן אידן האָבן באַגלייט די מיטה פון רשב"י, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען דעם דאָרף 'ציפרי', וואָס געפינט זיך נעבן מירון, און די מענטשן פון ציפרי האָבן נישט געוואָלט לאָזן די לוי' גיין ווייטער, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז רבי שמעון זאָל באַערדיגט ווערן אין זייער דאָרף. פון איין זייט, זענען געשטאַנען די מענטשן פון ציפרי מיט שטעקענס אין די הענט, און פון דער אַנדערער זייט, האָבן די מענטשן פון מירון געשריגן אַז זיי ווילן האָבן רבי שמעון בן יוחאי ביי זיך אין דאָרף.

**אינצווישן** האָט די מיטה זיך אויפגעהויבן אין דער לופט און אַ פייער האָט געברענט אַרום איר, און די מיטה איז אַליין געגאַנגען צו איר מקום מנוחה אין מירון. יענע שעה, איז אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און געזאָגט: 'עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון' - קומט און זאַמלט זיך איין, צו די 'הילולא' פון רבי שמעון בן יוחאי.

**שרייבט** אויך דעם הגה"צ רבי ישעיה אשר זעליג מרגליות זצ"ל (אין ספר 'הילולא דרשב"י'), אַז עס איז נישט קיין ספק, אַז ווען מיר זעהען די גרויסע שמחה ביים היילגן ציון הרשב"י (אין ל"ג בעומר), איז אונז קלאָר, אַז ביז'ן היינטיגן טאָג, יעדן יאָר ל"ג בעומר, גייט אַריין דער זעלבער 'בת קול' אין האַרץ פון יעדן איד, אַרויפצוגיין צום היילגן אָרט פון 'ציון' פון רבי שמעון בן יוחאי, און זיך צו פרייען מיט די שמחה פון דעם באַשעפער, אין טאָג פון די שמחה פון רשב"י.

**ס'איז** זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער הויפט-ציל פון דעם 'בת קול' איז, אַז מ'זאָל זיך באַהעפטן מיט אַ שטאַרקן קשר צו רבי שמעון בן יוחאי און זיין תורה, מיט אַ גרויסע שמחה אין די הילולא פון רשב"י, און אַזוי רופט אויס רבי שמעון צו אַלע אידן בכל מקום שהם: קומט זיך צוזאַמען ביי מיין הילולא, און דורך דעם[יד] וועט איר קענען ממשיך זיין אַסאַך שפע אין אַלע וועלטן[טו].

גענדיגט די מסכתא אין יום טוב שבועות (טייל אידן פירן זיך צו לערנען מסכתא סוטה, וואָס האָט אויך 49 בלאַט). אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, האָט דער 'חתם סופר' געלערנט דף ל"ד (ווייל ווי באַקאַנט, הייבט זיך אָן יעדע מסכתא מיט דף ב'), און ווען ער איז אָנגעקומען צו די ווערטער וואָס די גמרא זאָגט דאָרט (אין עמוד ב') **'רבי שמעון אומר... מחכו עלה במערבא'**, האָט ער געזאָגט אַ רמז, 'מערבא' איז דאָך ארץ ישראל. 'מחכו' איז פון לשון שמחה. **אין ארץ ישראל, פרייען זיך אידן מיט די ווערטער פון רבי שמעון.** דאָס איז אַ רמז אויף די שמחה אין ל"ג בעומר, צוליב די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי... (ספר 'בני שלשים', 'וילקט יוסף', אות קפב).

**יד.** איינע פון די צדיקי הדור שליט"א האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן רמז, דער פסוק זאָגט (תהלים צז, יא) 'אור זרוע לצדיק'. דוד המלך ע"ה טוט צוגלייכן דעם אור פונעם צדיק צו 'זרע' (קערנדלעך) וואָס מ'טוט איינזייען אין דער

ערד. פונקט אַזוי ווי דאָס קערנדל, נאָך דעם ווי עס ווערט איינגעזייעט אין דער ערד דאַרף מען זיך ווייטער אָפּגעבן דערמיט, עס אָנצוטרינקען מיט וואַסער א.א.וו., און נאָר אַזוי קען אַרויסקומען אַ גוטע פּרי אָדער אַ שיינער בלום, דאָס זעלבע דער אור פונעם צדיק ווערט איינגעזייעט אין אידישע הערצער, אָבער מ'דאַרף זיך 'אָפּגעבן' דערמיט, עס 'אָנצוטרינקען' און אַריינלייגן דערין כוחות, אַריינגעמען דעם גרויסן אור אין זיך, און דאַן וועט עס ברענגען גוטע פרוכטן.

אין יאָר תרס"א, ערב שב"ק, ווען מ'האָט געהאַלטן אינמיטן די הכנות צום הייליגן שבת, האָט אויסגעבראָכן אין שטעטל גער אַ גרויסע שריפה רח"ל און אַלע האָלצערנע הייזקעלעך פון שטעטל זענען פאַרברענט געוואָרן. אויף שבת, איז הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע אַריבערגעגאַנגען צייטווייליג אין איינע פון די איינצעלנע שטיינערנע הייזער אין גער, וואָס זענען נישט פאַרברענט געוואָרן אין די שריפה. למעשה, צוליב די ענגשאַפט אין צייט פון די מהומה וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פונעם פייער, איז די זופּ וואָס מ'האָט דערלאַנגט פאַר'ן 'שפת אמת', ביי די סעודה פרייטאָג צו נאַכטס, געווען קאַלט. האָט דער 'שפת אמת' זיך אויסגעדרוקט מיט וואונדער:

- **אַזאַ גרויסער פייער און די יוהך איז קאַלט...**

מיר ווייסן דאָך אַז 'שיחת תלמידי חכמים צריכה לימוד'. זענען געווען אידן וואָס האָבן געלערנט פּשט אין די ווערטער פון דעם 'שפת אמת', אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ס'איז גאַנץ מעגליך אַז אַרום און אַרום זאָל פלאַקערן אַ גרויסער פייער אָבער אַזוי לאַנג ווי דער מענטש נעמט נישט אַריין דעם פייער אונטער זיין 'טאָפּ', וועט זיין 'געקעכטס' זיך בכלל נישט אָנוואַרימען, נאָר עס וועט ווייטער פאַרבלייבן קאַלט. כדי דער טאָפּ זאָל זיך אָנוואַרמען, דאַרף דער מענטש צובינדן זיין 'געקעכטס' צום גרויסן פייער און נאָר דאַן וועט עס זיך קענען אָנוואַרימען געהעריג.

לדידן ייאמר, יעדער איינער פון אונז וויל דאָך באַקומען גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות פון דעם פייער און דעם אור (פון די הדלקה) פון רבי שמעון בן יוחאי, אָבער כדי מ'זאָל קענען באַקומען די השפעה און דאָס וואַרימקייט, דאַרף מען אַריינגעמען דעם פייער **אין 'זיך'**, דורך דעם וואָס מ'טוט זיך 'באַהעפטן' צום הייליגן פייער פון רבי שמעון בן יוחאי. באמת, איז דאָס דער וואונדערליכער כח וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אין טבע פון פייער, אַז אַלעס וואָס פאַרלאַנגט זיך פון מענטש איז נאָר אַ 'קליינע פעולה', אָנצוצינדן אַ קליינעם פונק אין האַרץ, און דאַן טוט עס פון זיך אַליין זיך צעפלאַקערן אין אַ גרויסן פלאַם. דאָס זעלבע דאָ, מיט איין 'פונקט', טוט דער גאַנצער פייער זיך צופלאַקערן אין האַרץ פון יעדן איד, עס זאָל איהם אייביג זיין גוט.

## מן הבאר

עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון ספר 'ליקוטי תורה' פונעם אריז"ל, אַז ס'איז ראוי אַז אין דעם יאָרצייט פון אַ צדיק (דאָס איז געזאָגט געוואָרן בנוגע יעדן צדיק - נישט נאָר רשב"י) **זאָל מען זאָגן אין בית המדרש דברי תורה** פון דעם צדיק, און דורך דעם טוהען די ליפּן פונעם צדיק ממליץ טוב זיין ביי דעם אויבערשטען פאַר די אידן וואָס דערמאנען איהם און זאָגן נאָך זיינע דברי תורה.

דער 'ספר חסידים' שרייבט (סי' רכד) אַז דער וואָס זאָגט נאָך אַ שמועה אין נאָמען פון די צדיקים, זענען זיי מתפלל פאַר איהם אין הימל, און זיי זענען ממליץ טוב אויף איהם.

הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל שרייבט, אַז **דער וואָס קען צוליב אַן אונס אָדער שוואַכקייט נישט אַרויפגיין קיין מירון אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, אָדער ער וואוינט אין חוץ לארץ, זאָל ער לערנען דעם ספר 'מאמרי רשב"י', און וואו נאָר ער געפינט זיך, זאָל ער זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון הילולא דרשב"י, און ער וועט אויך געהאָלפן ווערן.**

**טו.** אין אַזאַ הייליגן טאָג ווי ל"ג בעומר, ווען עס איז אַ געוואַלדיגער 'עת רצון' אין הימל, דאַרף מען זעהן נישט צו פאַרברענגען דעם טאָג אַזוי ווי מ'פאַרברענגט אין די אַנדערע טעג... (מ'זאָל זיך נישט באַגעניגענען מיט'ן זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים, 'יוצא צו זיין'...), נאָר מ'זאָל זיך פאַרנעמען מיט די הילולא דרשב"י וואָס מער, און ווייסן אַז **יעדע סעקונדע וואָס מען טוט זיך 'באַהעפטן' מיט די הייליגע הילולא, קויפט מען פאַר זיך אָן אַ שיעור קעניגליכע אוצרות.**

עס ווערט געברענגט אין די דברי קורות הימים פון 150 יאָר צוריק, אַז די אידן אין ירושלים וואָס האָבן נישט

**דער בעסטער וועג ווי אַזוי מ'קען זיך באַהעפטן מיט דעם זכות פון רבי שמעון בן יוחאי, און דאָס לערנען רבי שמעון בן יוחאי, איז דורך גלייבן אין זיין זיין הייליגע תורה[טז], 'תורתו מגן לנו, היא מאירת כח און אין דעם כח פון די תפילות און תחנונים אין עינינו'[יז], און דאָס גיין אין זיינע הייליגע וועגן, אַזוי ווי**

---

געקענט פאָרן קיין מירון, האָבן געפראַוועט ל"ג בעומר מיט שמחה און תפילות אַ גאַנצן טאָג, ביז נאָך די 'שקיעה' פון ליל ל"ד.

דער 'בן איש חי' זי"ע שרייבט (אין ספר 'הילולא רבא'), אַז ישראל קדושים פירן זיך צו גיין אין דעם טאָג ל"ג בעומר קיין מירון, וואו עס ליגט באַהאַלטן דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זי"ע און זיין זון רבי אלעזר, און מ'לערנט דאָרט מיט שמחה דעם 'אידרא זוטא' און די שבחים פון אדונינו הרשב"י זי"ע, 'וישישו וישמח בשמחה של מצוה'.

ער שרייבט, אַז **אויך די וואָס זענען ווייט פון מירון, זאָלן זיך צוזאַמענקומען ביינאַכט אָדער ביי־טאָג, צו לערנען די 'אידרא' און די שבחים פון רשב"י**. 'אשריכם ישראל כמה חביבות המצוות עליכם'. וואויל איז ענק, אידישע קינדער, וואָס לערנען אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר די תורה פון דעם הייליגן תנא און זיין לויב, מיט אַ פרייליך האַרץ, דבר בעתו מה טוב.

הרה"ק המגיד מזלאָטשוב זי"ע שרייבט אין ספה"ק 'ברית אברם' (סוף הפטרת שבת הגדול), אַז ער האָט געהערט פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז דער צדיק קען נישט אַרויפגיין פון איין מדריגה צו אַן אַנדערע מדריגה נאָך זיין הסתלקות, אויב מ'טוט איהם נישט דן זיין אַפילו אויף די לייכטסטע פון די לייכטסטע זאַכן. און **נאָך דעם ווי מ'האָט איהם שוין גע'משפט אויף די 'קלות שבקלות', קען ער מער נישט שטייגן צו אַ העכערע מדריגה, נאָר אויב מענטשן דערציילן דאָ אויף דער וועלט פון זיין תורה און מעשים טובים, דאַן קומט דער צדיק וואָס מ'האָט דערציילט וועגן איהם, צו אַ גרויסע עליה**. און אַזוי יעדעס מאָל ווען איין איד דערציילט פאַר'ן אַנדערן וועגן די יראי ה' וואָס זענען נפטר געוואָרן, האָט דער צדיק אַן עליה, און **אויך די מענטשן וואָס דערציילן וועגן איהם, האָבן אַן עליה**, עכ"ל.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, דערמאַנט אין זיין 'פתיחה' צום ספר 'בית אברהם', דעם מאמר חז"ל (ירושלמי שקלים פ"ב ה"ה) 'אין עושים נפשות לצדיקים, דבריהן הן זכרונם'. שרייבט דער 'ברכת אברהם', דאָס ענין **פאַרוואָס מ'איז מתפלל ביים קבר פון אַ צדיק איז דערפאַר ווייל דורך דעם ווערט מען צוגעבונדן מיט זיין נפש רוח ונשמה**, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת תרומה, און וויבאַלד אַ ניצוץ פונעם נפש פון דעם צדיק איז איינגעהילט אין זיינע ווערטער, און זיינע ווערטער זענען "חיים וקיימים' (ווי עס איז דאָס לשון פונעם 'יסוד העבודה', מכתב ס"ד), **קען מען זיך מקשר זיין מיט זיי איבעראַל, דורך זייערע הייליגע רייד**.

אויך שרייבט ער דאָרט, אַז זיין פעטער, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אין דעם טאָג פון י"א חשון - דער יאָרצייט פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, רעדנדיג וועגן דעם גרויסן ענין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים, אַז דער צדיק אויף דער וועלט איז אין דער בחינה פון אַ 'הולך' - ער גייט שטענדיג העכער פון איין מדריגה צו דער אַנדערער מדריגה, און ווען ער ווערט נסתלק און גייט אַרויף אין הימל, איז ער אין דער בחינה פון אַן 'עומד'. ער בלייבט שטיין אויף איין אָרט, ווייל ער קען דאָך שוין נישט מקיים זיין מצוות און מעשים טובים. אָבער **ווען מ'חזר'ט איבער די הייליגע ווערטער פונעם צדיק, איז דער צדיק מחויב זיי צו העלפן**, און אַזוי ווערט דער צדיק אַ בחינה פון אַ 'מהלך', אויך אויף יענער וועלט, און עס ווערט מקויים ביי איהם דער פסוק (זכריה ג, ז) 'ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה', עכלה"ק.

אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע (פ' נח, ע' יב, ד"ה 'ענין') אַז ביי די יאָרצייט פון צדיקים, **אויך איינער וואָס האָט נישט געקענט דעם צדיק ביי זיין לעבן און ער האָט נישט געהערט פון זיין הייליג מויל אַ דבר תורה, פונדעסטוועגן, די אידן וואָס גייען אין זיינע וועגן און זיי קומען זיך צוזאַמען, און זיי דערציילן הייליגע סיפּורים וועגן דעם צדיק, און זיי חזר'ן איבער זיינע הייליגע ווערטער וואָס ער האָט זיי געלערנט ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטען, טוט מען דורך דעם דערגרייכן אַ קשר און אַ שייכות צו דעם צדיק**, עכ"ל.

**טז.** די גמרא זאָגט (יבמות צז.) אַז ווען מ'זאָגט נאָך אַ מימרא פון אַ תלמיד חכם (וואָס איז שוין נסתלק געוואָרן לחיי עוה"ב) אויף דער וועלט, טוהען זיינע ליפּן רעדן אינעם קבר. זאָגט אויף דעם דער 'יערות דבש' (ח"ב, דרוש ז) אַז ווען מ'זאָגט אַ דבר שמועה פונעם צדיק, טוט די נשמה פון דעם צדיק זיך אָנקליידן אין די וואָס לערנען דאָרט, און

רבי שמעון בן יוחאי אַליין האָט געזאָגט, 'שנו מידותי'[יח] (גיטין סז.), און נאָך מער פון אַלעם, ווען מ'נעמט אויף

---

עס שטייט דאָרט וכו'. קומט אויס, אַז **ווען אַ איד לערנט אַ מימרא פון רבי שמעון בן יוחאי, איז ער זוכה אַז רבי שמעון אַליין זאָל זיך באַהעפטן מיט איהם און רוהען אין איהם.**

הגה״ק רבי אברהם אזולאי זי״ע (דער זיידע פונעם חיד״א זי״ע) שרייבט אין נאָמען פון רבי אברהם גאַלאַנטי זי״ע, אַז **ווען מ'איז עוסק אין די תורה פון רבי שמעון בן יוחאי** (אין די 'אידרא'), **קומט רבי שמעון פון גן עדן באַצירט אַזוי ווי אַ קעניג מיט זיינע קרוינען, און זיצט דאָרט אויבנאָן.** (געברענגט אין ספר 'שבחין דרשב״י')

דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אין מדרש תנחומא (כי תשא, ג) אויפ'ן פסוק (קהלת ה יא) 'מתוקה שנת העובד אם מעט אם הרבה יאכל, **והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון**'. זאָגט רבי שמעון, דער פסוק רעדט וועגן מענטשן וועלכע זענען רייך אין תורה, און נישט וועגן רייכע מענטשן מיט אַסאַך געלט. און דער פשט אין פסוק איז, אז דער וואס איז געווען רייך אין תורה, ער האָט געלערנט תורה מיט אַסאַך תלמידים און ער איז זאַט פון די תורה, איז אויך נאָך דעם ווי ער גייט אַוועק פון דער וועלט לאָזן איהם נישט די תלמידים וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, איינשלאָפן אין קבר, נאָר זיי זענען עוסק אין זיין תורה, און אין תלמוד און אין הלכה און אגדה, און זיי זאָגן נאָך שמועות אין זיין נאָמען, און אַזוי דערמאַנען זיי איהם כסדר, און זיי לאָזן איהם נישט שלאָפן אין קבר. און אַזוי האָט רבי שמעון בן לקיש געזאָגט אין נאָמען פון רבי עקיבא, און אַזוי האָט געזאָגט רבי שמעון בן יוחאי, אַז די תלמידים לאָזן איהם נישט שלאָפן אין קבר, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שה״ש ז, י) 'דובב שפתי ישנים', און אויף דעם זאָגט דער פסוק 'והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון', עכ״ל.

**יז.** עס דערציילט דער בעל העובדא. ער איז געווען פאַרזינקען מיט גרויסע חובות ל״ע. ל״ג בעומר תשע״ט, ווען ער איז געווען אין מירון, אַרויפגייענדיג צום הייליגן ציון , האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז עס איז כדאי ער זאָל נעמען אויף זיך אָנצוהייבן לערנען דער הייליגן ספר זוהר. נאָכ'ן גיסן זיך דאָס האַרץ אין די 'מערה', אין דער בחינה פון 'תחנונים ידבר רש', האָט ער גענומען אויף זיך צו לערנען 720 בלעטער זוהר הקדוש (לויט דעם דרוק פון 'מתוק מדבש'), אין לויף פון קומענדיגן יאָר. ער האָט געהאַלטן וואָרט [ער האָט זיך באַמיהט צו פאַרשטיין דעם חלק הנגלה אין זוהר, און דעם חלק הנסתר האָט ער נאָר אַרויסגעזאָגט מיט'ן מויל]. און וואונדער איבער וואונדער: נאָכ'ן לערנען 360 בלאַט, איז איהם אַריינגעקומען 'פון דער זייט' אַ שיינער סכום, וואָס ס'איז געווען דערין גענוג צו באַצאָהלן די הלוואות וואָס ער האָט גענומען פון די גמ״ח'ן, און וואָס מער ער האָט זיך גערוקט פאָראויס מיט'ן לערנען זוהר, האָט ער פאַרדינט מער און מער געלט, ביז דער 'לאַך' וואָס ער האָט געהאַט זיין באַנק-קאָנטע, איז 'געדעקט' געוואָרן, און אויך האָט ער באַוויזן צו באַצאָהלן אַלע הלוואות וואָס ער האָט גענומען פונעם באַנק. עס איז איהם נאָך איבערגעבליבן 'רעשט'...

**יח.** אַזוי שרייבט הגה״צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ״ל (אין ספר 'מידות רשב״י', מהדורא חדשה, ע' כט) אַ טעם פאַרוואָס מיר געפינען נאָר ביי רבי שמעון בן יוחאי דאָס לשון **'שנו מדותי'**, וואָס רש״י טייטשט עס: 'למדו תורתי' - איר זאָלט לערנען מיין תורה, און מיר געפינען נישט אַן ענליך לשון ביי די אַנדערע תנאים. דער טעם דערפון איז, ווייל **רבי שמעון וויל שיצן און העלפן אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויף איהם, און שטיין צו די האַנט פאַר אידישע קינדער עד סוף כל הדורות.** דעריבער האָט ער געזאָגט 'שנו מדותי', ווייל **דורך דעם** וועל איך קענען ממליץ טוב זיין פאַר אייך און אייך באַשיצן פון יעדע צרה שלא תבוא.

אין יאָר תשע״ד האָט פּאַסירט אַ מעשה ביי אַ משפּחה אין ארץ ישראל, וואָס זייער זון איז געווען אַן עלטערער בחור. ער איז שוין אָנגעקומען, ווי מ'זאָגט, צום "פרק" פון "האיש מקדש", אָבער עס האָט זיך נישט געזעהן ווען ער וועט שוין קענען מאַכן אַ "סיום" אויף דעם גרויסן "פרק"...

ל״ג בעומר, איז די מאמע פונעם בחור געפאָרן קיין מירון, זיך אויסצואווייגען ביים ציון הרשב״י אַז דער באַשעפער זאָל שוין רחמנות האָבן און שיקן אַ ישועה פאַר די משפחה. אויפ'ן וועג, האָט זי גערעדט אויפ'ן "סעלפאון" מיט איר מאַן, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַז זי האָט זיך לעצטענס דערמאנט, אַז איידער זייער זון, דער עלטערער בחור, איז געבוירן געוואָרן, האָט זי צוגעזאָגט ביים ציון פון רשב״י אַז זי וועט אַ נאָמען געבן פאַר דעם ניי-געבוירענעם יונגעלע שמעון, אויף זיין הייליגן נאָמען (אַלס אַ וואונדערליכע סגולה געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, וואָס ווערט דערמאנט אין ספר "שבחין דרשב״י", עמוד ה'), אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט מען בשעת די שמחה פונעם ברית, פאַרגעסן דערפון, און

זיך אַ גוטע קבלה[ט] זיך צו שטאַרקן אין ענינים פון עבודת השם[כ], איז מען דורך דעם אַזוי ווי איינער וואָס גיט אַ 'מתנה' פאַר רבי שמעון בן יוחאי אין זיין גרויסן יאָרצייט.

---

מ'האָט איהם אַ נאָמען געגעבן "זעליג", און ווער ווייסט - האָט זי אויסגעפירט אינעם טעלעפאָן-געשפרעך מיט איר מאַן - צו דאָס איז נישט די סיבה וואָס האַלט צוריק זייער זון פון טרעפן זיין זיווג...

דער מאַן איז תיכף אַריבערגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, איינער פון די חשוב'ע רבנים אין ארה"ק, און דער רב האָט איהם געראטן, אַז ווען זיין בני בית וועט אָנקומען קיין מירון, זאָל זי דערמאנען איר צוזאָג צו געבן פאַר זייער זון דעם נאָמען שמעון, און זי זאָל דאָרט זאָגן, אַז זיי גיבן-צו תיכף דעם נאָמען "שמעון", און זיי וועלן פון יעצט אָן, רופן זייער זון "שמעון זעליג", און כדי נישט אָנצומאַכן אַ טומל מיט אַ "קריאת השם", זאָל זייער זון קומענדיגן שבת, עולה זיין צו די תורה, און דאָרט זאָל דער גבאי פון שול איהם אויפרופן "יעמוד הבחור שמעון זעליג בן ...", און דערנאָך זאָל מען פאַר איהם מאַכן אַ "מי שברך", פאַר "הבחור שמעון זעליג...".

די פרוי האָט אַזוי געטוהן, זי האָט מיט הייסע טרערן געמאַכט די הבטחה אין מירון, און דעם קומענדיגן שבת, נאָך ל"ג בעומר, האָבן דער בחור אין זיין פאָטער געדאַווענט אין דער שול וואו זיי דאַווענען יעדע וואָך, און ביים לייענען, האָט מען טאַקע אויפגערופן דעם בחור, "יעמוד הבחור שמעון זעליג בן...". נאָכ'ן דאַווענען, צוגעגאַנגען איינער פון די מתפללים צום גבאי, און איהם געפרעגט: "פאַרוואָס האָסטו אויפגערופן דעם בחור 'שמעון זעליג'? איך האָב ביז יעצט געוואוסט אַז ער הייסט נאָר 'זעליג'...". האָט דער גבאי איהם געפרעגט, "וואָס איז דיר דען אַ נפקא-מינה ווי אַזוי דער בחור הייסט? זיין פאָטער, האָט מיר געבעטן איך זאָל איהם אויפרופן 'יעמוד הבחור שמעון זעליג'...". האָט דער איד איהם געענטפערט, אַז ער האָט אַ טאָכטער וועלכע "שטייט אין שידוכים", און ער טראַכט שוין ביי זיך אַ לאַנגע צייט, אַזאַ בחור ווי דעם זעליג, וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר מיין טאָכטער, אָבער ער הייסט דאָך דעם זעלבן נאָמען ווי איך - זעליג... און מיר זענען מקפיד אויף די ווערטער פון רבי יהודה החסיד אין זיין צוואה (סי' כג) אַז מ'זאָל נישט טוהן אַ שידוך פון "חתן וחמיו", ווען דער בחור און דער פאָטער פון דאָס מיידל, האָבן דעם זעלבן נאָמען. אָבער יעצט, אַז איך הער אַז דער בחור הייסט "שמעון זעליג", איז דאָך מעגליך כ'זאָל נעמען דעם וואוילן בחור פאַר אַן איידים...

כך הוה... ביז געציילטע טעג - נאָך פאַר'ן קומענדיגן שבת - איז דער בחור שמעון זעליג אַ חתן געוואָרן מיט דער טאָכטער פון דעם איד - וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געדאַווענט מיט זיי אין דער זעלבער שול - ר' זעליג...

באמת, איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי "שינוי השם", נאָר אויך לגבי "שינוי מעשה"... **מ'זאָל זיין אַ תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי דורך זיך אָנקלעבן אין זיינע הייליגע וועגן, ווי רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט** (גיטין סז.) **"שנו מידותי" - לערנט מיינע מידות, "הלכה למעשה"... און דאַן, וועט מען ממילא טראָגן זיין הייליגן נאָמען...**

**יט.** מ'קען זאָגן אַז דאָס איז דער טעם פאַר דעם מנהג ישראל צו מאַכן 'הדלקות' לכבוד דעם תנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי, ווייל דער גרעסטער פייער וואָס פלאַקערט און הייבט זיך אויף צו די העכסטע שטאַפּלען, הייבט זיך אָן מיט איין פונק וואָס האָט זיך גוט אָנגעכאַפּט, און פון דעם טוט זיך אויסשפרייטן דער פלאַם. פון דעם לערנען מיר, אַז אויב מ'ווייסט ווי אַזוי אויפצופלאַקערן דעם הייליגן פונק וואָס 'קאָכט' אין יעדן איינעם פון אונז, קען מען זיך 'אָנצינדן' מיט אַ הייליגן פייער צום באַשעפער.

**כ.** מיר וועלן דאָ ציטירן פון אַ בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דעם בעל העובדא, און ער האָט עס געשריבן מיט הייסע טרערן:

'איך וויל דערציילן וועגן זיך, כאָטש ס'איז מיר זייער שווער דאָס צו טוהן. איך לערן אין כולל אַ האַלבן טאָג, און אַ האַלבן טאָג אַרבעט איך פאַר פרנסה. מ'רופט מיך אַ 'חסידישער יונגערמאַן'. אין די ראַמען פון מיין אַרבעט, האָב איך אָבער געדאַרפט וכו', און איך בין אָנגעקומען צו שווערע ביטערע נסיונות, אין ענינים פון קדושה. 'עין רואה' וכו', און כ'בין ליידער נישט בייגעשטאַנען מיינע נסיונות, ואין כאן המקום להאריך... איך בין שוין געשטאַנען ביים שוועל פונעם שאול תחתיות רח"ל'.

'ל"ג בעומר תשע"ט, בין איך געפאָרן צום ציון הרשב"י אין מירון. כ'בין דעמאָלס געווען 'ליידיג' פון יעדן פונק פון יראת שמים. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז 'רבי שמעון לכל', און צוליב דעם, בין איך געפאָרן קיין מירון. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביים 'ציון' פון רשב"י, מיט אַ האַרץ, האַרט ווי אַ שטיין... אינמיטן פון די פאַרשידענע 'דברות

קודש' וואָס איך האָב דאָרט געהערט פון די רעדנער, האָט איינער געזאָגט אַז יעדער איינער דאַרף נעמען אויף זיך **איין גוטע קבלה - אַפילו אַ קליינע קבלה.** יענער רעדנער האָט געזאָגט: **אויב מ'נעמט אויף זיך אַ 'פּעקל'** (צו טוהן עפּעס אין יראת שמים), **קען מען איבערלאָזן אַלע 'פּעקלעך'** (צרות) **ביי רבי שמעון'.**

'די דאָזיגע ווערטער האָבן עפּעס ווי אַריינגעדרינגען אין מיר, און איך האָב באַשלאָסן אין יענע רגע, גענוג... גענוג... איך האָב גענומען אויף זיך אַז ביז קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט (תש"פ) וועל איך נישט האָבן קיין שום פאַרבינדונג מיט יענע... דאָס זיך אָפּרייסן דערפון איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט. איך בין עס אָבער בייגעשטאַנען, און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך נאָך ראש השנה, האָב איך ממשיך געווען די קבלה'.

דער יונגערמאַן פירט אויס זיין בריוו:

'מ'האַלט שוין היינט צוויי יאָר שפּעטער, און איך האָב, ברוך השם, נאָך אַלץ נישט קיין שייכות דערמיט. ריכטיג, טאַקע, איך האָב געהאַט אַסאַך שווערע נסיונות, אָבער דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן די כוחות בייצושטיין אַלע נסיונות. יעצט האָב איך געמאַכט אַ חשבון פון די לעצטע צוויי יאָר, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז כאָטש איך האָב, ברוך השם, אייביג געהאַט פּרנסה בריווח, אָבער עפּעס האָב איך אייביג געדאַרפט 'דרייען' מיט צייטווייליגע הלוואות. יעצט בין איך איבערגעגאַנגען מיינע ליסטעס, און איך האָב געזעהן אַז די לעצטע הלוואה וואָס איך האָב געדאַרפט באָרגן, איז געווען ערב ל"ג בעומר תשע"ט... זינט דעמאָלס, האָב איך נישט געדאַרפט באָרגן פון קיינעם, אַפילו אַ פּרוטה!'

'נאָך מער: חודש שבט תש"פ - 271 טעג נאָך יענעם ל"ג בעומר (תשע"ט) - איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, געזונט און פריש בלע"ה, מיט אַ נאָרמאַלן געבורט, קעגן אַלע שוואַרצע 'נביאות'ן' פון די דאָקטוירים. אַלזאָ, איך זעה בחוש אַז **איך האָב גענומען אויף זיך אַ קבלה ביי רבי שמעון אין מירון, און רבי שמעון האָט מיר באַצאָלט מיט אַסאַך מער...** כ'בין זיכער, אַז עס זענען נאָך דאָ אַסאַך טובות און ברכות וואָס איך האָב נישט זוכה געווען צוצולייגן דערצו מח און האַרץ, און דאַנקען דעם באַשעפער דערפאַר'.

און אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס עס האָט אונז אַריינגעשיקט די בעלת העובדא, אַ פרוי פון אַמעריקע. פּורים תשפ"ג, האָט זי ליידער פאַרלוירן איר פינף-חדשים'דיג יונגל.

'דער 'סאָציאַלער הילף' דעפּאַרטמענט (Social Services) זענען אַריינגעקומען צו אונז, און האָבן זיך גענומען שטרענג אויספאָרשן אונזער משפּחה, אויסצוגעפינען צי דאָס האָט פּאַסירט צוליב אונזער שולד ח"ו, און צי מיר דערפילן אונזער אויפגאַבע אַלס עלטערן אויף אַ ריכטיגן אופן, וואָס ווי באַקאַנט, איז אָך און וויי פאַר דעם וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט... אויף דעם זאָגט דאָך דער פסוק (משלי יא, לד) 'וחסד לאומים חטאת'...

פאַר ל"ג בעומר, האָט די אומגליקליכע מאמע געזעהן אונזער גליון 'באר הפרשה', און עס האָט איר אַרומגענומען אַ גרויסער חשק צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און מתפלל זיין אין דעם גרויסן טאָג ביים 'ציון' פון תנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי. זי האָט ממש אָנגעפילט איר קישן מיט הייסע טרערן, אַז זי זאָל זוכה זיין צו פאַרווירקליכן איר וואונטש. די קרובים האָבן איר פּרובירט אָפּצורעדן דערפון, מיט די טענה אַז ס'איז אַ סכנה פאַר איר צו פאָרן יעצט קיין ארץ ישראל, ווייל די "סאָשעל סערוויסעס' קוקן איר נאָך 'מיט זיבן אויגן', אויף יעדן שריט און טריט. אויב זיי וועלן אויסגעפינען אַז זי האָט פאַרנאַכלעסיגט אירע דריי קינדער און איז אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע אָן זיי איבערלאָזן מיט אַ געהעריגע מוטערליכע אויפזיכט, וועלן זיי זיך צוכאַפּן אין די 'מציאה', און חלילה אַוועקנעמען פון איר די קינדער. איר שטאַרקע תשוקה האָט אָבער איבערגעוואויגן, און זי איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו זי האָט מתפלל געווען ביים ציון הרשב"י אין מירון.

אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר, שטייענדיג ביים ציון, האָט זי אויסגעגאָסן איר צובראָכן האַרץ פאַר דעם אויבערשטען. פון דאָרט איז זי געגאַנגען צו איינע פון די 'הדלקות', וואו זי האָט געהערט דברי התעוררות וועגן די גרויסע מעלה פון איינעם וואָס נעמט אויף זיך אַ גוטע קבלה, און ווי אַזוי מ'ווערט אַזוי אַרום באַהאָפטן צו דעם הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי אַ גאַנץ יאָר. עס האָט אויפגעפלאַמט אין איר האַרץ דער הייליגער פונק, און זי האָט גענומען אויף זיך, **אַרויסצונעמען די טמא'נע כלי פון הויז.** זי וועט זיך מער נישט פאַרלאָזן אויף דעם און יענעם 'פילטער'... און וואונדער איבער וואונדער: ווען זי איז אַהיימגעקומען מיטוואָך, אַ טאָג נאָך ל"ג בעומר, איז איר מאַן איר אַנטקעגן געקומען מיט אַ גוטע בשורה, אַז די 'סאָשעל סערוויסעס' אַגענטן האָבן **עפּעס באַשלאָסן** צו פאַרמאַכן זייער 'קעיס'... און מ'איז ב"ה פּטור געוואָרן פון זיי...

און אַט זענען אויסצוגן פון נאָך אַ בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען ערב ל"ג בעומר תשפ"ג, וואָס אויך פון דעם בריוו קען מען לערנען וועגן דעם כח פון אַ גוטע קבלה, אַז עס טוט איבערדרייען אַלע מערכות, און מ'ווערט געהאָלפן למעלה מדרך הטבע:

יענער איד שרייבט צו אונז מיט אַ צובראָכן האַרץ, ווי פאָלגענד: עטליכע יאָר נאָך די חתונה, איז ער אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן אַ פּאָר שעה אַ טאָג. די צווייטע העלפט פון טאָג, זיצט ער און לערנט אין כולל. דער יצר הרע האָט איהם צוגערעדט צו קויפן אַ טמא'נע כלי, וואָס מ'רופט אַ 'סמאַרטפאָון', מיט'ן אויסרייד פון 'פרנסה'. ער וואָלט באמת זיך געקענט אַן עצה געבן אויך אָן דעם טעלעפאָן, אָבער ליידער, איז ער נישט בייגעשטאַנען דעם שווערן נסיון. ווי באַקאַנט, איז דאָך די פאַך פונעם יצר הרע, 'היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה' (שבת קה:). דאָס איז ליידער מקוים געוואָרן ביי איהם. צו ערשט האָט זיין יצר הרע איהם איינגערעדט צו קויפן אַ טעלעפאָן מיט אַ 'פילטער' (פאַרשטעלט פון ראיות אסורות), אָבער דערנאָך איז ער געוואָרן אינגאַנצן 'פאַרקויפט' צו די טומאה רח"ל. ער איז געווען איינגעזינקען דערין אַ גאַנצן טאָג, ביז ער האָט אַראָפּגענומען אַלע גדרים און פילטערס, און געהאַט אין זיין באַזיץ אַ כלי וואָס איז אינגאַנצן 'אויפגעריסן' רח"ל. ס'איז דערגאַנגען צוביסלעך אַזוי ווייט, אַז ער איז שוין געשטאַנען ממש ביים טויער פון גיהנום רח"ל, 'ודי למבין'.

אָנהייב ווינטער תשפ"ב, איז געקומען זיינער אַ 'גוטער פריינט' מיט אַ פאָרשלאָג פון אַ 'גוט' געשעפט, אַז אויב ער וועט יעצט אַריינליגן אנדערהאַלבן מיליאָן שקלים, וועט ער ביז אַ פּאָר יאָר פאַרדינען דאָפּעלט, און מעגליך אַפילו 'ארבעה וחמשה'... עס האָט אויסגעזעהן אין זיינע אויגן ווי אַן 'עבירה' אויב ער וועט נישט אַרויפשפרינגען מיט ביידע הענט אויף די 'מציאה'.

וויבאַלד ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן סכום, האָט ער געבאָרגט געלט פון די באַנק, און פון זיינע גוטע פריינט. ער האָט איינגעלייגט אַלס אַ 'משכון' זיין הויז, און אַנדערע פאַרמעגנס ביז ער האָט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן דאָס גאַנצע געלט, און עס איבערגעגעבן פאַר זיין דערמאַנטן גוטן 'ידיד'.

קוים צוויי חדשים שפּעטער, האָט ער אויסגעפונען צו זיין גרויסן בראָך, אַז 'לא דובים, ולא יער'... ס'איז נישט דאָ קיין אינוועסטירונגען, און קיין פאַרדינסטן... זיין כלומר'שטער 'ידיד' האָט פשוט אויסגענוצט זיין נאַאיוויטעט און זייער ידידות, און צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, כדי צו באַצאָלן דערמיט זיינע אייגענע חובות... אַזוי האָט ער זיך געפונען פאַרזינקען אויף אַ פּלוצימדיגן אופן, אין אַ טיפן גרוב. ער איז אין אַ רגע געוואָרן אַ בעל חוב אויף ריזיגע סכומים געלט - נאָנט צו צוויי מיליאָן שקלים (דער 'קרן' פון די חובות, אין צוגאָב צו די פּראָצענטן וואָס ער האָט געדאַרפט באַצאָלן אין באַנק). זיין לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום רח"ל. ביז פסח תשפ"ב, זענען די מענטשן וואָס זייער אויפגאַבע איז איינצומאָנען חובות, איהם שוין 'דערגאַנגען די יאָרן'. די בעלי חובות האָבן איהם גערופן צו דין תורה אין בית דין, און להבדיל, אויך אין די געריכטן. מ'האָט שוין אַפילו אַרויפגעלייגט אַן 'עיקול' אויף זיין הויז, אויף זיינע פאַרמעגנס און באַנק-חשבונות.

פאַר ל"ג בעומר, איז איהם אָנגעקומען אין האַנט דער גליון 'באר הפרשה', וואו ס'איז דערציילט געוואָרן די מעשה פון איינעם וואָס איז אַריינגעפאַלן צוליב די פאַרשאָלטענע 'כלים' רח"ל, און ל"ג בעומר, האָט יענער גענומען אויף זיך אַ גוטע קבלה, און ער האָט זוכה געווען צו אַ גרויסע ישועה ברוחניות ובגשמיות (מיר האָבן עס געברענגט אויבן). די געשיכטע האָט אַריינגעדרינגען אויך אין זיין האַרץ, און ער האָט באַשלאָסן: **אויך איך וועל נעמען אויף זיך אַ 'פעקל', און דורך דעם וועל איך, האָפענטליך, זוכה זיין איבערצולאָזן ביי רבי שמעון, מיין גאַנצן 'פעקל'...**

ער איז געפאָרן קיין מירון, און דאָרט אויסגעזאָגט גאַנץ ספר תהלים, זיך אויסוויינענדיג מיט געפילן פון חרטה פון טיפן האַרצן, אַז ער איז נישט בייגעשטאַנען די נסיונות... ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון ציון, איז ער צוגעגאַנגען צו איינע פון די קליינע הדלקות אינדרויסן פונעם ציון, און דאָרט אַריינגעוואָרפן זיין 'כלי' אין פייער. **ער האָט געזאָגט מיט געוויין: רבי שמעון, איך לאָז איבער ביי דיר אַ זאַך וואָס ס'איז מיר זייער שווער צו שיידן זיך דערפון. האָב רחמנות אויף מיר, און נעם אַוועק פון מיר מיין גאַנצן 'פעקל' מיט שווערע חובות.** ער האָט צוגעגעבן, אַז ער נעמט אויף זיך מפרסם צו זיין דעם נס ווען עס וועט פאַסירן.

נאָך ל"ג בעומר, האָט ער געהאַט גאָר שווערע טעג... וואָס וועט ער טוהן אָן די 'כלי'... ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן זעהן די ישועה פון הימל. באַלד נאָך יום טוב שבועות האָט ער באַקומען אַן אָנבאָט פון אַ נייעם אַרבעטס-פּאָסטן, מיט אַ שיינעם געהאַלט... און נישט נאָר דאָס, נאָר איינער פון זיינע

## האי יומא ברשותי קיימא - דער טאָג פון רשב"י

**דער** טאָג ל"ג בעומר איז גאר היילig און פּאַרכטיג, עס שיינט מיט אַ וואונדערליכע לעכטיגקייט. עס איז דער טאָג פון רבי שמעון בן יוחאי, אַזוי ווי ער אַליין האָט געזאָגט (אידרא זוטא, האזינו, רצא:), ווען ער האָט אַנטפּלעקט די סודות התורה אין טאָג פון זיין הסתלקות, און ער האָט צוריקגעהאַלטן די זון זי זאָל נישט אונטערגיין[כא], ביז ער וועט ענדיגן אַנטפּלעקן אַלע סודות וואָס ער האָט דעמאָלס געוואָלט מגלה זיין, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש 'והאי יומא לא יתרחק למיעל לדוכתא כשאר יומא' - דער טאָג זאָל זיך נישט דערווייטערן אַרויפצוגיין צו זיין אָרט, אַזוי ווי די אַנדערע טעג. 'דהא כל יומא ברשותי קיימא' - ווייל דער גאַנצער טאָג איז מיינער, ווייל אין דעם טאָג ווערן געעפענט אַלע טויערן אין הימל, משפיע צו זיין אויף אונז מורא'דיגע שפע אָן אַ צאָל[כב].

---

קרובים האָט פון זיך אַליין באַשלאָסן, מיט זיין גוטהאַרציגקייט, צו ערלעדיגן פאַר איהם אַלע זיינע חובות. ער האָט מסדר געווען מיט אַלע בעלי חובות, צו באַצאָלן אַלעס ביסלעכווייז, אַזוי אַז שוין **אין חודש תמוז זענען אַלע תביעות און קלאַגעס אַראָפּ פון סדר היום. אויך דער 'עיקול' איז בטל געוואָרן.**

אָנהייב חודש אלול, איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי דאָרט מזכה צו זיין אידן מיט די מצוה פון צדקה, אַז ער זאָל קענען אָפּצאָלן זיינע חובות. ער האָט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן ביז דריי וואָכן נישט ווייניגער ווי 300 טויזנט דאָלאַר - אַ סכום וואָס איז באַשטאַנען פון מער ווי אַ העלפט פון זיינע חובות. צוויי חדשים שפּעטער, חודש חשון תשפ"ג, איז ער געפאָרן אַ צווייטן מאָל קיין אויסלאַנד שאַפן געלט, און דאָס מאָל האָט ער צוזאַמענגעשטעלט 200 טויזנט דאָלאַר, אַזוי אַז **ביז אָנהייב חודש כסלו, האָט ער שוין אָפּגעצאָלט דעם לעצטן שקל...** ער האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן 'לעבן' רואיג, און ער האָט אַפילו באַוויזן אַוועקצולייגן געלט אין אַ זייט יעדן חודש...

ווי באַקאַנט, איז עס אינגאַנצן נישט פון דרך הטבע צו שאַפן אַזעלכע גרויסע סכומים אין אַזאַ קורצע צייט. נאָר ס'איז געווען די האַנט פון דעם באַשעפער, **ווייל אַ גוטע קבלה וואָס קומט אָן שווער פאַר דעם מענטש עס צו האַלטן, איז בכח צו עפענען אַלע טויערן...**

**כא.** דאָס איז איינע פון די טעמים וואָס עס שרייבט הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע (ל"ג בעומר, ו') פאַר דעם מנהג וואָס מ'פירט זיך צו צינדן אַסאַך לעכט, און מ'מאַכט גרויסע 'הדלקות' לכבוד דעם תנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי, אַלס אַ זכר פאַר דעם וואָס אין דעם טאָג האָט די זון געשיינט לענגער, צו ווייזן אַז אַלע 'אורות' ווערן בטל צו דעם גרויסן אור, דער 'אור הגנוז', וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט דעמאָלס מגלה געווען מיט'ן אַנטפּלעקן די סודות התורה.

**כב.** הרה"ק רבי משה'לע ראָזוואַדובער זי"ע (אַ זון פון הרה"ק רבי אליעזר'ל זי"ע פון דזיקוב, אַ זון פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע), האָט געפּראַוועט מופתים למעלה מדרך טבע. ער פלעגט זאָגן פאַר יעדן וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, אין געזונט אָדער אין פרנסה, קינדער אָדער סיי וואָס פאַר אַ ישועה, אַז מ'זאָל קומען צו איהם אין ל"ג בעומר. ער האָט געזאָגט אַ רמז אויפ'ן פסוק (תהלים פד, ג) **'לבי ובשרי** ירננו אל א-ל חי'. לב"י איז ראשי תיבות **ל**"**ב י**'ום. דאָס הייסט, נאָך 32 טעג פון ספירת העומר, קומט דער כח פון 'ובשרי' וועלכע איז ראשי תיבות **ר**'בי **ש**'מעון **ב**'ר **י**'וחאי. דעמאָלס איז אַ טאָג מתפּלל צו זיין צו דעם אויבערשטען, און מ'וועט צום סוף קענען דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די ישועה - 'ירננו אל א-ל חי', ווייל דער אויבערשטער נעמט אָן דעמאָלס די אידישע תפילות.

אויך האָט דער ראָזוואַדאָווער רב געזאָגט, **עס איז נישט דא אין גאַנצן יאָר אַ בעסערער טאָג ווי ל"ג בעומר.** ל"ג בעומר פאַרנאַכטס, פלעגט ער זאָגן: אויב איך וואָלט געווען בכח, וואָלט איך אָנגעכאַפּט די זון ביי די ציין, אַז זי זאָל נישט אונטערגיין... דער טאָג ל"ג בעומר זאָל זיך קיינמאָל נישט שיידן פון אונז (געברענגט אין ספר 'החכמה מאי"ן', ע' קלא).

אויך ווערט דערציילט (ספר 'דמשק אליעזר', ע' צח), פון וואו דער ראָזוואַדאָווער רב זי"ע האָט גענומען דעם כח צו פועל'ן ישועות אין דעם הייליגן טאָג ל"ג בעומר: דער הייליגער צאַנזער רב, בעל 'דברי חיים' זי"ע, איז אַמאָל אין די וואָך פאַר ל"ג בעומר, געקומען קיין דזשיקוב צום מחותן, דעם דזשיקוב'ער רב הרה"ק רבי ר' אליעזר'ל זי"ע, ווען דער דזשיקובער רב איז געווען שוואך און נישט געזונט. לכבודו פון דעם גרויסן גאַסט דעם צאַנזער רב, איז דער דזשיקובער רב אַרויס פון זיין גדר, און האָט אויפגענומען דעם צאַנזער רב מיט'ן פאַסיגן כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ צדיק ווי ס'איז געווען דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע.

שמועסנדיג, האָט דער צאַנזער רב געזאָגט צו דעם מחותן, אַז ער פּלאַנט צו פאַרברענגען אין דזשיקוב עטליכע טעג. האָט דער דזשיקובער רב איהם געזאָגט, אַז כאָטש ער איז זייער שוואַך, און בדרך כלל פירט ער שוין נישט טיש, אָבער לכבודו פונעם גרויסן מחותן, דעם צאַנזער רב, וועט ער פירן טיש ל"ג בעומר. 'איך בעט אייך אָבער, מחותן' - האָט דער דזשיקובער רב געזאָגט צום צאַנזער רב - איר זאָלט מיר זאָגן ווען איר וועט זיין גרייט צו קומען צום טיש, נאָך די הייליגע עבודה וואָס דער מחותן פּראַוועט. האָט דער צאַנזער רב געזאָגט צום דזשיקובער רב, אַז ער וועט זיין גרייט 2 אַזייגער נאָכמיטאָג.

למעשה, אָבער, ווען ס'איז געקומען די צייט וואָס מ'האָט אָפּגעשמועסט, און דער צאַנזער רב איז נאָך נישט אָנגעקומען צום בית המדרש פונעם מחותן דער דזשיקובער רב, איז איינע פון די דזשיקובער חסידים אַריבערגעגאַנגען צו די אכסניא פון צאַנזער רב, צו לאָזן וויסן פאַר'ן צאַנזער רב אַז דער מחותן וואַרט שוין אויף איהם, ער זאָל קומען צו די סעודה, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעשמועסט.

ווען דער דזשיקובער חסיד איז אָנגעקומען צו די אכסניא פון צאַנזער רב, און געבעטן דעם צאַנזער רב'ס משמשים זיי זאָלן אַריינגיין ברענגען דעם צאַנזער רב צום דזשיקובער רב'ס טיש, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגערעדט, האָבן די גבאים פון צאַנזער רב איהם געענטפערט, אַז זיי האָבן מורא אַריינצוגיין אין צימער, ווייל דער צאַנזער רב זיצט שוין אַסאַך שעה'ן פאַרשפאַרט אין צימער. 'אויב דו ווילסט, קענסטו אַריינגיין' - האָבן זיי געזאָגט צו דעם שליח פון דזשיקובער רב. דער שליח האָט אָבער מורא געהאַט אַריינצוגיין צום צאַנזער רב, און ער איז צוריקגעקומען צום דזשיקובער רב'ס הויז מיט ליידיגע הענט.

האָט דער ראָזוואַדאָווער רב באַשלאָסן אַליין אַריבערצוגיין צום צאַנזער רב, ווייל ער האָט דאָך אַ מצוה פון 'כיבוד אב'. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר פון צאַנזער רב'ס צימער, און דער צאַנזער רב האָט געעפנט די טיר, האָט דער ראָזוואַדאָווער רב געזאָגט, אַז דער טאַטע וואַרט אַז דער מחותן זאָל קומען צו די סעודה. האָט דער צאַנזער רב געהייסן דעם ראָזוואַדאָווער רב אַריינקומען אין צימער, און ער האָט פאַרמאַכט די טיר. פון דרויסן האָבן דעם צאַנזער רב'ס גבאים געקענט הערן טריט, ווי מ'שפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ אין צימער. נאָך אַ לאַנגע צייט, זענען ביידע - דער צאַנזער רב און דער ראָזוואַדאָווער רב, אַרויסגעקומען פון צימער, און מ'האָט געקענט זעהן ווי די צורה פון ראָזוואַדאָווער רב פלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער.

יאָרן שפּעטער, האָט דער ראָזוואַדאָווער רב געזאָגט, אַז דער צאַנזער רב האָט איהם דעמאָלס אויסגעזאָגט דעם גרויסן סוד פון ל"ג בעומר.

דער גאון בעל 'בן איש חי' זי"ע זאָגט אַ משל, צוויי חברים האָבן זיך געמוטשעט אויף פרנסה. בלית ברירה, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די אידישע הייזער אין שטאָט, צו בעטן מאכלים אַהיימצונעמען פאַר זייערע אויסגעהונגערטע בני בית. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט ביינאַכט, האָט יעדער איינער פון זיי געוויזן פאַר זיין חבר וואָס ער האָט באַוויזן צוזאַמענצוקלייבן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איינער פון זיי האָט קוים צוזאַמענגענומען אַביסל האַרטע ברויט און אַנדערע מאכלים וואָס זענען איבערגעבליבן, און מ'האָט עס קוים געקענט אַריינעמען אין מויל, אין דער צייט ווען דער צווייטער חבר האָט אָנגעפילט פולע קאָרבן מיט פיש, פלייש, און אַנדערע מטעמים. האָט דער 'לא יוצלח' געפרעגט זיין חבר: ווי אַזוי האָסטו מצליח געווען מער ווי איך? איך האָב זיך דאָך אַרומגעדרייט לאַנגע שטונדן, נאָך מער ווי דו, און ס'איז מיר נישט געלונגען צוזאַמענצונעמען קיין מאכלים. זאָג מיר, ביטע, וואָס איז דער 'סוד' פון דיין 'הצלחה'... האָט דער חבר איהם געענטפערט:

- איך בין ארום-געגאַנגען איבער די הייזער נאָר אַ קורצע צייט... נאָר וואָס דען, איך האָב אָנגעקלאַפּט אויף די טירן ווען די באַלעבאַטים זענען געזעסן און געגעסן די סעודה מיט זייער משפּחה, און דעמאָלס איז דער טיש פול מיט מאכלים און מעדנים, און מ'האָט מיר געגעבן פולע הויפענס פון די מאכלים וואס זענען געלעגן פאַר זיי אויפ'ן טיש. אָבער **דו ביזט נישט געגאַנגען אין די ריכטיגע צייט**, נאָר דו ביזט געגאַנגען ווען דער טיש איז ליידיג, און זיי האָבן געדאַרפט עפענען זייערע 'אוצרות' פאַר דיר, און צוליב דעם האָבן זיי דיר געגעבן נאָר פון דעם וואָס איז איבערגעבליבן פון אַ פריערדיגע סעודה...

דער נמשל איז, דאָס זעלבע איז מיט די השפעות וואָס ווערן נשפע פון הימל פאַר יעדן איינעם וואָס בעט צו געניסן דערפון. **אָוודאי זענען די טויערן אין הימל שטענדיג אָפען, און דער כח פון רבי שמעון בר יוחאי איז גרויס, אויך דורכ'ן יאָר. פונדעסטוועגן, אָבער, ווערט אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר נשפע אַ גרויסע שפע. מיר דאַרפן נאָר**

**קומען און עפענעןביידע הענט, וועלן מיר באַקומען אַ שיינע 'נדבה', ווייל דעמאָלס שטייען גרייט אַלע גוטע השפעות, און מ'שענקט מיט אַן 'עין יפה' פון דעם וואָס עס ליגט אויפ'ן טיש.** דאַקעגן דער וואָס פאַרשפעטיגט און קומט אַן ערשט צומאָרגענס, ווען די שפע איז שוין נישט אַזוי ברייט כביכול, און מ'גיט שוין נאָר פון די 'שיריים'.

מיר האָבן אַמאָל געהערט פון אַ איד, אַ קינד איז געווען ביים 'קבלת פנים' פאַר אַ חתן איידער ער גייט צו די חופה. ער זעהט ווי אַלע באַטייליגטע זענען אויפגערוימט. מ'עסט און מ'טרינקט, און מ'שמועסט רואיג און געמיטליך. אויבנאָן זיצט אָבער איין מענטש, און ער וויינט אַן אויפהער... האָט דאָס קינד געפרעגט זיין טאַטן, ווער איז דאָס דער איד וואָס זיצט דאָ און וויינט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער רחמנות... האָט דער טאַטע געענטפערט: ניין, דאָס איז דער חתן. באַלד וועט ער גיין צו די חופה, און טאַקע דערפאַר ווייל ער פאַרשטייט די געהויבנקייט פון דעם זמן, האָט ער נישט יעצט קיין צייט צו שמועסן אָדער עסן און טרינקען. ער ווייסט אַז מיט זיינע תפילות און געוויינען וועט ער פועל'ן פאַר זיך אַ גליקליך לעבן.

לענינינו, אידן קומען זיך פרייען מיט די שמחה פון רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער האָט אויסגערופן 'עולו ואתכנשו בהילולא דרשב"י', **דאַרף מען געדענקען נישט מסיח דעת צו זיין מיט נאַרישקייטן, נאָר מ'זאָל זיך פרייען מיט די שמחה פון רבי שמעון בן יוחאי, און מ'זאָל מתפלל זיין אויף ישועת הכלל והפרט. דער מענטש וואָס האָט שכל, נוצט אויס דעם טאָג, און ער פועל'ט פאַר זיך אַלע גוטע השפעות.**

מיר האָבן שוין דערציילט וואָס מיר האָבן געהערט פון דעם בעל המעשה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו פירן קיין מירון דעם באַקאַנטן בעלזער חסיד רבי שמחה מונד ז"ל. רבי שמחה איז יעדעס יאָר ל"ג בעומר געפאָרן קיין מירון. ער האָט נישט מוותר געווען דערויף, אויך ווען ער איז שוין געווען אַ זקן מופלג, העכער די 90 יאָר. אַרויפגייענדיג אויפ'ן באַרג, האָבן עטליכע יונגעלייט וואָלונטירט איהם אונטערצוהאַלטן און באַגלייטן ביז'ן ציון. אַמאָל האָט אַ איד איהם געפרעגט, ר' שמחה, עס קומט דאָך אָן אַזוי שווער פאַר אייך און אייערע באַגלייטער, דאָס אַרויפגיין אויפ'ן באַרג צופיס, פאַרוואָס פאָרט נישט קיין מירון אַן אַנדערן טאָג, ווען דער וועג איז פיל לייכטער? האָט רבי שמחה איהם געענטפערט:

## מן הבאר

צדיקים האָבן געזאָגט (דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, און אַנדערע צדיקים) אַז דאָס וואָרט 'הילולא' איז דער טייטש, אַ חתונה. ביי אַ חתונה איז איינגעפירט צו געבן 'דרשה געשאַנק' פאַר חתן-כלה. דאָס זעלבע ביי די 'חתונה' פונעם צדיק (זיין יאָרצייט) טוט דער אויבערשטער געבן אַ 'דרשה-געשאַנק' פאַר דעם 'חתן' - דער צדיק, אַז ער זאָל קענען בטל מאַכן דעם גזר דין און עס איבערטוישן צום גוטן, און משפיע זיין בני חיי ומזוני.

ממילא, דאַרפן געדענקען אַלע אידן וואָס באַטייליגן זיך אין די הילולא דרשב"י, אַז אין דעם טאָג קוקט ער נישט נאָך די וואָס בעטן ישועות ביי איהם. דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (תענית כה.) **'גמירי, משמיא מיהב יהבי, משקל לא שקלי'.** אין דעם טאָג ווען דער צדיק קומט אַראָפּ צו אונז פון הימל ('משמיא'), גיט ער השפעות טובות: 'מיהב יהבי'. 'משקל לא שקלי' - ער 'וועגט' נישט דעמאָלס ('משקל' איז אויך פון לשון 'וועגן'), צו זעהן אויס דער מענטש איז ראוי צו די ברכה אָדער ח"ו נישט, נאָר דער צדיק גיט השפעות טובות פאַר יעדן איינעם וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט.

- ס'איז אַ גרויסער חילוק אויב מ'גייט צום הייליגן ציון הרשב"י אַ גאַנץ יאָר, אָדער מ'גייט אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר. דער סדר העולם איז, אַז ווען מ'קומט צו אַן עושר בעטן פון איהם געלט פאַר צדקה, וועט ער זיך אַװעקזעצן און איבערקוקן די 'מליצה בריוו', וואָס יענער האָט אין האַנט. ערשט שפעטער וועט ער באַשליסן וואָס פאַר אַ נתינה איהם צו געבן. דאָס איז אָבער נאָר ווען מ'קומט אַהיים צו דעם גביר. אָבער ביי די סעודה פון זיין זונ'ס חתונה, טיילט דער עושר ביד רחבה וברוח נדיבה, פאַר יעדן איינעם וואָס שטעקט אויס אַ האַנט. דעמאָלס קוקט ער נישט נאָך דעם אָרימאַן וואָס בעט דאָס געלט, ווייל **יעצט איז ער דאָך אַ בעל שמחה.**

- דאָס זעלבע איז ביי רבי שמעון בן יוחאי - האָט רבי שמחה מונד אויסגעפירט - ל"ג בעומר איז די צייט פון זיין 'הילולא', און רבי שמעון שטייט און איז משפיע אויף יעדן וואָס באַטייליגט זיך אין זיין הילולא, אַ שפע

**עס** ווערט געברענגט אַ רמז דערויף (טעמי המנהגים) י'ושפע ש'פע ר'ב ב'כל ה'עולמות, איז ראשי תיבות רשב"י כג.

**דאָס** אַלעם איז נישט געזאָגט געוואָרן, נאָר וועגן ל"ג בעומר אינעם יאָר פון די הסתלקות, נאָר יעדן יאָר ביז'ן היינטיגן טאָג, איז ל"ג בעומר דער טאָג פון

---

פון ברכות און אַלע גוטע השפעות. דעמאָלס קוקט ער נישט נאָך די 'ציצית' פון די מתפללים, נאָר ער איז משפיע השפעות טובות אָן אַ גרעניץ. צוליב דעם בין איך זיך מטריח אַזוי שטאַרק צו פאָרן דייקא אין ל"ג בעומר, ע"כ המעשה.

**אויך איינער וואָס איז נישט ביכולת צו קומען קיין מירון, און ער פרייט זיך דאָרט וואו ער איז, געפינט זיך רבי שמעון בן יוחאי ביי איהם.** דאָס איז ממש אַזוי ווי ער וואָלט געווען אָנוועזענד ביי די 'חתונה', וואו דער 'מחותן' - רבי שמעון בן יוחאי - איז משפיע אַסאַך שפע און ברכות פאַר אַלעמען. ער קוקט קיינעם נישט נאָך, צי ער איז ראוי צו די ברכה אָדער נישט.

**כג.** דער באַקאַנטער מגיד מישרים הגה"ח רבי יוסף חיים גרינוואַלד שליט"א דערציילט, אַז זיין טאַטע, הרה"ח רבי געציל ז"ל, איז ל"ג בעומר פון יאָר תשי"ב, געפאָרן קיין מירון צוזאַמען מיט זיין ידיד, הרה"ח רבי עקיבא גאַנז ז"ל (וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ מלמד אין קרית יואל, און האָט אויך זוכה געווען יונגערהייט צו זיין אַ משמש בקודש ביי הרה"ק מסאַטמאר זי"ע). אינמיטן טאָג, ווען די ריקודים זענען אָנגעגאַנגען מיט גרויס התלהבות אין חצר פונעם הייליגן ציון, און אינמיטן האָט געטאַנצט הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל, איז רבי געציל צוגעגאַנגען צו איהם, און איהם דערלאַנגט אַ 'קוויטל', וואו עס זענען געווען אויפגעשריבן די נעמען פון זיינע משפחה מיטגלידער, פאַר אַ ברכה און אַ ישועה. אויך רבי עקיבא גאַנז האָט זיך געוואָלט מזכיר זיין ביי רבי אשר זעליג, אָבער ער האָט נישט געהאַט אַ שטיקל פאַפיר אויפצושרייבן די נעמען. איז ער צוגעגאַנגען צו רבי אשר זעליג, כדי מזכיר צו זיין די נעמען פון זיין משפחה, אָבער צוליב דעם גרויסן רעש פון די מוזיק און טענץ, און אויך איז רבי עקיבא געווען הייזעריג, האָט רבי אשר זעליג נישט געקענט הערן וואָס ער זאָגט איהם. האָט רבי אשר זעליג איהם געזאָגט:

**- ס'איז באַקאַנט פון דעם אריז"ל, אַז רבי שמעון בן יוחאי שטייט אין דעם טאָג מיט אויסגעשטרעקטע הענטביים טויער פון די מערה, און ער בענטשט מיט ביידע הייליגע הענט אַלע אידן וואָס קומען צו איהם. ממילא, זאָג איך אייך, בייגט זיך אַראָפּ און נעמט אָן די ברכה...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אין היינטיגן טאָג, דאַרפסטו נישט אָנקומען צו מיינע ברכות, ווייל רבי שמעון בן יוחאי אַליין טוט דיך בענטשן.

ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אויך איינער וואָס איז נישט בכח אַרויפצופאָרן קיין מירון, קען זוכה זיין צו די דאָזיגע ברכות, ווייל דער אור פון רבי שמעון בן יוחאי שפרייט זיך אויס אויף די גאַנצע וועלט. **אויב מ'עפענט נאָר דאָס האַרץ זיך משתתף צו זיין אין די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, דורך פראַוועון אַ סעודה לכבוד די הילולא, אָדער דורך צינדן לעכט, לערנען די תורה פון רבי שמעון בן יוחאי, זאָגן תהלים א.ד.ג., איז מען ממשיך אויף זיך אַ 'רצועה' וואָס גייט אַרויס פון מירון, און דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי שטייט און בענטשט איהם מיט ביידע הענט.**

דער מחבר פונעם הייליגן זמר 'בר יוחאי', איז געווען דער מקובל אלוקי רבי שמעון לביא זי"ע (וועלכער איז נסתלק געוואָרן נאָנט צו 440 יאָר צוריק, אין יאָר שמ"ה). לויט ווי דער חיד"א זי"ע ברענגט אין 'שם הגדולים', און ווי עס שטייט אויך אין דער הקדמה צו זיין ספר 'כתם פז', האָט רבי שמעון לביא פריער געוואוינט אין דער שטאָט פאס, מאראָקאָ. ווען ער האָט געהאַלטן ביים ענדיגן זיין חיבור, האָט ער באַקומען אַ שטאַרקע תשוקה אַרויפצוגיין זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, און דאָרט צוצוענדיגן דעם חיבור, נאָך מער פון אַלעם, האָט ער זייער שטאַרק געגליסט אַרויפצוגיין זיך משתטח זיין ביים ציון הקודש פון הייליגן תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי אין אתרא קדישא מירון.

רבי שמעון איז טאַקע אַרויסגעפאָרן אָנצוקומען קיין ארץ ישראל, אָבער אַדורכגעפאָרנדיג אויפ'ן וועג די שטאָט טריפּאָלי אין ליביע, וואו ער האָט באַגעגנט אַ קליינע קהילה אין כמות, וואָס רוב פון זיי זענען ליידער געווען פּולשטענדיגע עמי הארצים... צום ביישפּיל, האָט ער באַמערקט אַז פרייטאָג צו נאַכטס האָבן זיי געדאַווענט אַ וואָכעדיגן מעריב, נישט וויסנדיג אַפילו אַז די תפילת שמונה עשרה פון שבת איז אַנדערש ווי די תפילת שמונה עשרה אינדערוואָכן. האָט ער זיך באַרעכנט, אַז כאָטש ער וויל זייער שטאַרק עולה זיין קיין ארץ ישראל, אָבער

רבי שמעון בן יוחאי, ווי ס'איז באַקאַנט אַז ער האָט געזאָגט (זעה סוכה מה:) 'יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין'[כד].

**צדיקים האָבן געזאָגט** ('שפתי צדיק', ל"ג בעומר, אות א; שו"ת מהרש"ם, הקדמה לחלק ב) **אַז יעדעס יאָר אין טאָג פון זיין יאָרצייט, שטייט רבי שמעון בן יוחאי און זאָגט**

---

ס'איז וויכטיגער פאַר איהם איבערצובלייבן אין טריפּאָלי, לערנען מיט די דאָזיגע אידן תורה און מצוות. מיט זיין גרויסע תשובה און שטאַרקע געגועים צום הייליגן תנא רשב"י, האָט ער דעריבער אנשטאט אַרויפפאָרן קיין ארץ ישראל, מחבר געווען דעם הייליגן זמר 'בר יוחאי', וואָס איז נתפשט געוואָרן בכל תפוצות ישראל.

**לאָמיר זיך אַריינטראַכטן אין דעם, דער הייליגער צדיק האָט טאַקע נישט זוכה געווען צו זיין אין אתרא קדישא מירון, אָבער באמת, איז כמעט נישט דאָ אַ רגע וואָס ער איז נישט אין מירון... אידן זינגען דאָך יעדן טאָג מיט הייליגע הרגשים זיין פיוט** [הגה"ק רבי נפתלי כ"ץ זי"ע שרייבט אין 'סידור בית רחל', אַז צו זינגען דעם זמר 'בר יוחאי' איז אַ געוואַלדיגע סגולה פאַר 'הארת הנשמה', און עס איז קומט אויס פון זיינע ווערטער, אַז דאָס איז גילטיג אויך פאַר איינעם וואָס איז נישט משיג די סודות פונעם זמר].

פון דעם קענען מיר לערנען דעם גרויסן כח פון געגועים און הייליגע כיסופים, סיי בכלל, אַז יעדער איינער וואָס האָט אַ רוחניות'דיגע תשוקה צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַז יענע תשוקה וועט איהם אויפהייבן און ער וועט זוכה זיין עס זאָלן ערפילט ווערן אַלע זיינע פאַרלאַנגען, און **אויך בפרט, איינער וואָס איז נישט זוכה אַרויפצוקומען אין ל"ג בעומר קיין מירון אָבער אויב מ'האָט אַ השתוקקות צום הייליגן אור פון רשב"י, טוהען די געגועין צוציהען רשב"י צו איהם...**

צווישן די צוויי ניגונים וואָס כלל ישראל פירט זיך צו זינגען אין דעם הייליגן טאָג ל"ג בעומר, דער זמר 'בר יוחאי' און 'ואמרתם כה לחי', דערקענט זיך אַ שטאַרקע חילוק: דער זמר 'בר יוחאי' - ווי דערמאנט - דער הייליגער מקובל אלוקי רבי שמעון לביא האָט מחבר געווען **אין גלות**, רעדט אין אַ **'לשון נוכח' צו רבי שמעון בן יוחאי**, ווי איינער רעדט צום צווייטן: **'נמשחת', 'אשריך'**, 'מושב טוב **ישבת**' וכו'. אָבער דער ניגון 'ואמרתם כה לחי', וואָס עס האָט מחבר געווען דער גאון בעל 'בן איש חי' זי"ע און עס געבערענגט **קיין מירון**, זאָגט אַלעס **'בלשון נסתר'**: 'קדוש **הוא**', 'אשרי עין **ראתהו**', '**תורתו** מגן לנו', '**הוא** ימליץ טוב בעדינו'. זעהען מיר פון דעם, **אַז עס ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אין דעם אָרט וואו דער איד געפינט זיך פיזיש, נאָר אויך אויב מ'געפינט זיך טויזענטער מייל ווייט פון מירון, קען ער רעדן צו איהם 'בלשון נוכח'.**

דער מענטש וואָס האָט שכל, נוצט אויס דעם הייליגן טאָג אויפצונעמען די שפע, ווייל **די שפע וואָס קומט אַראָפּ מיט אַ גרויסע מאָס אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, איז אַנדערש פון די שפע וואָס ווערט געגעבן אין אַנדערע זמנים, ווייל עס קומט דאָך פון די הענט פון רבי שמעון, און ער האָט 'גרויסע הענט'**, ווי דער הייליגער בעל 'דגל מחנה אפרים' זי"ע שרייבט (פ' בשלח) אויפ'ן פסוק 'ובני ישראל יוצאים ביד רמה', זאָגט דער תרגום: 'בריש גלי'. זאָגט דער 'דגל מחנה אפרים', אַז 'בריש' האָט די זעלבע אותיות ווי 'רשב"י'. זאָגט דער פסוק: 'ובני ישראל יוצאים" - **אידישע קינדער וועלן אַרויסגיין פון לעצטן גלות, ווען עס וועט נתגלה ווערן דער גרויסער אור פון רבי שמעון בן יוחאי**, אַזוי ווי ער אַליין האָט געזאָגט (הקדמה לספר הזהר) 'בספרא דא יפקון מן גלותא' - מיט דעם הייליגן זוהר וועלן די אידן אַרויסגיין פון גלות. ממילא, קומט די שפע אין דעם טאָג פון די גרויסע האַנט פון רבי שמעון - 'ביד רמה'.

**כד.** דער גאון רבי משה לייב שחור זצ"ל, מגאוני ירושלים של מעלה, האָט געטייטשט דעם מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי, **'יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין'**, מיט אַ מעשה שהיה, עס האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מגיפה רח"ל אין דער שטאָט קעניגסבערג אין דייטשלאַנד. דאָרט איז געווען אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן צו ראַטעווען און היילן די קראַנקע. ער האָט זיך אַוועקגעגעבן טאָג און נאַכט, און איז כמעט נישט געשלאָפן, ביז די מגיפה האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַלע קראַנקע זענען געוואָרן געזונט.

זייענדיג פאַרמאַטערט פון די שווערע אַרבעט, איז ער פּראָפעסאָר אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט, כדי זיך אָפּצורוהען אַביסל, און ער האָט אָנגעזאָגט זיין בעל אכסניא, אַז ער זאָל נישט דערציילן פאַר קיינעם אַז דאָ געפינט זיך אַ דאָקטאָר, כדי ער זאָל זיך קענען אויסרוהען. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט leider אויסגעבראָכן אַ מגיפה רח"ל אויך אין די צווייטע שטאָט, אָבער דער בעל אכסניא האָט געהאַלטן וואָרט און נישט אַרויסגעגעבן דעם סוד אַז עס געפינט זיך ביי איהם אַ גרויסער פּראָפעסאָר, און אַסאַך מענטשן זענען טאַקע געשטאָרבן רח"ל.

גוטס וועגן אידישע קינדער, זיי צו פטר'ן פונעם דין, און ער טוט בטל מאכן אלע גזירות.

אזוי האט מען געהערט דעם קול פון די מערה פון רבי שמעון בן יוחאי, ווען זיין מיטה איז אריינגעפירט געווארן צו זיין מקום מנוחה אין מירון: 'זה האיש מרעיש הארץ, מרגיז ממלכות, כמה פטרין'. יעדעס יאר אין דעם טאג פון ל"ג בעומר, ווערן איינגעשטילט אלע מקטרגים, און עס ווערן בטל אלע דינים אין זכות פון רבי שמעון בן יוחאי.

די ספרים הקדושים באטאנען באריכות די גרויסע מעלה פון דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר[כה], 'כי הוא נורא ואיום', אזוי ווייט, אז די ספרים זאגן אז די קדושה פון דעם טאג איז אזוי ווי די קדושה פון יום כיפור, לגבי דעם ענין פון מחילת עוונות און טהרת נפשות ישראל[כו] פון יעדן חטא[כז].

אזוי האט הרה"ק רבי יהושע'לע קאמינקער זי"ע אמאל געזאגט צום שינאווער רב הרה"ק בעל 'דברי יחזקאל' זי"ע, אז דער ענין פון יום כיפור איז, אז אהרן

---

פארשטייט דאך יעדער איינער, אז יענער פראפעסאר איז באגאנגען א שרעקליכן אומרעכט, און ער איז געווען דער גורם פאר די אלע מתים ל"ע, וויבאלד ער ווייסט דאך יא וועגן דעם גרויסן כח וואס ער האט געהאט צו טרעפן א רפואה פאר די קראנקע, האט ער זיך נישט געטארט באהאלטן...

דאס איז די כוונה פון די ווערטער פון רבי שמעון בן יוחאי: יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, **ווייסן זאלט איר, אז איך בין בכח צו העלפן אייך פון יעדע צרה שלא תבוא!** און דאס איז זיין גאנצער ציל מיט'ן 'אויסרופן' וועגן דעם, **אז מענטשן זאלן טאקע נישט פאלן ביי זיך אין פאל פון א צרה ח"ו, ווייל רבי שמעון איז בכח צו פטר'ן די גאנצע וועלט פון אלע דינים און צרות. מ'דארף זיך נאר ווענדן צו איהם, און מ'ווערט געהאלפן...**

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' מ'סלאנים זצ"ל, ברענגט ('נתיבות שלום', ח"ב, לג) אז הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע האט זיך געפירט, אז ווען ער האט באזוכט אין ארץ ישראל און איז געקומען קיין מירון (נישט דווקא אין ל"ג בעומר, נאר אויך אין די אנדערע טעג פונעם יאר) פלעגט ער ווינטשן 'גוט שבת', און די געהויבענע חסידים האבן מסביר געווען זיין מנהג, לויט ווי דער זוהר הקדוש שרייבט, אז רבי יהודה האט גערופן רבי שמעון'ען 'שבת', זאגנדיג, אז **פונקט ווי דער שבת איז הייליג צום באשעפער, אזוי אויך איז רבי שמעון הייליג צום באשעפער.**

**כה.** הרה"ק רבי אברהם קאליסקער זי"ע האט זיך געפירט צו זאגן ביים זיך טובל'ען אין מקוה ל"ג בעומר, **'הריני מקבל עלי קדושת היום'** (געברענגט אין ספר 'הילולא דרשב"י').

**כו.** עס שטייט אין 'סידור בית רחל', פון הגה"ק רבי נפתלי כ"ץ זי"ע, אז **דער זמר 'בר יוחאי' האט א וואונדערליכע סגולה אריינצושיינען אין דער נשמה פון א איד**, און ער שרייבט, אז **דאס איז אויך פאר איינעם וואס פארשטייט נישט די סודות פונעם זמר.**

**כז.** צוליב דעם טעם, האבן ישראל קדושים זיך געפירט צו זינגען מיט א התלהבות אין דעם טאג פון ל"ג בעומר, די ווערטער פון רבי עקיבא (יומא פה:) 'אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים, ומי מטהר אתכם, אביהם שבשמים'. כאטש רבי עקיבא האט געזאגט זיינע הייליגע ווערטער לגבי דעם טאג פון יום כיפור, אבער מיר ווייסן דאך, אז אידן, 'אם אינם נביאים, בני נביאים הם', און **דער טאג פון ל"ג בעומר איז הייליגן און מסוגל פאר טהרת הנפש און מחילת עוונות אזוי ווי יום כיפור.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'הילולא דרשב"י' (הערה מא) אז הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע האט אמאל גערעדט וועגן די גרויסקייט פון ל"ג בעומר. האט זיין זון, הרה"ק רבי זונדל זצ"ל, זיך אנגערופן, אז דער טאג איז אזוי ווי יום כיפור. האט דער 'שר שלום' געזאגט מיט א פלאם: 'דו האסט צוגעטראפן'.

אין ספר 'בקודש פנימה' (ח"ב, ע' שסג) ווערט געברענגט, אז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האט דערציילט, אז זיין זיידע דער 'שר שלום' האט אמאל געזאגט אז **ל"ג בעומר איז דער גרעסטער טאג פון יאר**, האט זיין זון, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, זיך צוגעבויגן צו זיין טאטן און געבעטן א ברכה.

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האט געזאגט בדרך צחות, אין ל"ג בעומר זענען אנגעשלאסן אלע דריי ימים טובים, פסח, שבועות, און סוכות, ווייל דאס שחט'ן די שעפסעלעך נעבן די 'מערה' אין מירון (וואס איז געווען איינגעפירט צווישן די אידן פון די עדות המזרח) איז אנטקעגן דעם יום טוב פסח. די בערג ארום דעם 'ציון' פון רשב"י זענען א רמז אויפ'ן יום טוב שבועות, ווייל די תורה איז דאך געגעבן געווארן אין שבועות אויפ'ן בארג סיני, און די

הכהן, וואָס ער איז אין דער בחינה פון 'הוד', גייט אַריין אין קדשי קדשים, וואָס אויך דער קדשי קדשים איז אין דער בחינה פון 'הוד', און אַזוי ווערט אויך אין ל"ג בעומר נתעורר די ספירה און בחינה פון 'הוד שבהוד', וואָס איז דאָס זעלבע ווי יום כיפור, און מ'קען פועל'ן אין ל"ג בעומר ישועות, אַזוי ווי אין יום כיפור (ספר 'אוהב שלום' השלם, אין נאמען פון הג"ר שמואל אברהם זעלטענרייך זצ"ל אב"ד טשאקאווא).

**עס** איז באַקאַנט פון אונזערע הייליגע רבי'ס לדורותיהם, אַז דער טאָג ל"ג בעומר איז מסוגל אויף אַלע סאָרטן ישועות. "לכל ישראל האיר", פאַר יעדן איינעם לויט זיין מצב, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות[כח]. ספּעציעל אין די דריי ענינים, "בני, חיי, מזוני".

"**בני**" - ל"ג בעומר מסוגל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, ווי הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" מ'מונקאַטש זי"ע ברענגט ("שער יששכר", אייר) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל "שם שלמה" זי"ע פון מונקאַטש, אַז דער וואָס וויל געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא, זאָל בעטן דערפאַר ביי די ברכה פון "רפאנו", ווייל דער ענין פון קינדער איז נכלל אין "רפואה", און אין דעם טאָג ווען עס איז די בחינה פון "הוד שבהוד", איז מסוגל צו רפואה, ווייל "בורא רפואות" איז אַנטקעגן די מדה פון "הוד", און "הוד שבהוד" איז אַ "רפואה בתכלית השלימות". קומט אויס אַז ל"ג בעומר איז מסוגל צו פקידת עקרות[כט].

"**חיי**" - דער מונקאַטשער רב הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע, שרייבט אין ספר "שער יששכר" (אייר, מאמר גל עיני, אות י') אַז די צאָל פון די דריי ווערטער "שמעון בן יוחאי" באַטרעפט 553, גענוי אַזוי ווי די ווערטער "מחיה מתים"[ל].

---

געצעלטן וואָס אידן שטעלן אויף פאַר די וואָס קומען קיין מירון ל"ג בעומר, איז אַנטקעגן דעם יום טוב סוכות, ווען מ'דאַרף זיצן אין די סוכה, וואָס איז אַ 'דירת עראי'.

האָט אַ חכם צוגעלייגט צו דעם, לויט ווי עס איז באַקאַנט די מעשה אַז דער הייליגער רוזינ'ער זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט איינע פון זיינע חסידים וואָס איז געקומען פון ארץ ישראל, ווי אַזוי עס זעהט אויס די הילולא ל"ג בעומר אין מירון. האָט דער חסיד געענטפערט, אַז 'אינווייניג אין די מערה, איז אַ בחינה פון יום כיפור (צוליב די גרויסע התעוררות וואָס הערשט דאָרט), און אינדרויסן פון די מערה איז 'שמחת תורה'. און דער רוזינער זי"ע האָט זייער באַוואונדערט זיינע ווערטער.

לויט די פריער-דערמאנטע ווערטער פון הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, קומט אויס אַז מיר האָבן נאָך צוויי ימים טובים אין ל"ג בעומר.

**כח.** עס איז באַקאַנט וואָס הרה"ק בעל "אבני נזר" זי"ע האָט געזאָגט, אַז **ל"ג בעומר איז מסוגל צו געפינען אַ זיווג**, ווייל מיר זאָגן אינעם פּיוט "הציל הלחוצים", און **ווער איז דען אַ גרעסערער "לחוץ" ווי אַ בחור וואָס וואַרט אויף זיין זיווג...**

**כט.** דער מדרש (שהש"ר פ"א) דערציילט, רבי אידי האָט געזאָגט, אין דער שטאָט צידון האָט געוואוינט אַ פּאָרפּאָלק וועלכע האָבן צען יאָר נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא. זענען זיי געקומען צו רבי שמעון בר יוחאי און איהם געזאָגט אַז זיי ווילן זיך גט'ן. האָט רבי שמעון זיי געזאָגט: "חייכם" - איך שווער ביי אייער לעבן, אַז פּונקט ווי איר האָט חתונה געהאַט ביי אַ סעודה וואו מ'האָט געגעסן און געטרינקען, אַזוי דאַרפן ענק זיך גט'ן מיט אַ סעודה.

זיי האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן געפראַוועט אַ גרויסע סעודה, און ביי די סעודה, האָט די פרוי געגעבן פאַר איר מאַן וויין צו טרינקען, ביז ער איז געוואָרן שיכור. ווען ער איז געקומען אַביסל צו זיך, האָט ער איר געזאָגט: "מיין טייערע אשת חיל, פון סיי וועלכן גוטן חפץ וואָס איך האָב אין הויז, קענסטו נעמען און גיי צו דיין פאָטער'ס הויז".

וואָס האָט די פרוי געטוהן? נאָך דעם ווי ער איז איינגעשלאָפן, האָט זי מרמז געווען פאַר אירע קנעכט, זיי זאָלן איהם טראָגן אויף זיין בעט און פירן צו איר פאָטער'ס הויז. אינמיטן נאַכט, ווען דער מאַן האט זיך אויפגעוועקט פון זיין טיפן שלאָף, האָט ער געפרעגט זיין פרוי: "וואו בין איך יעצט?". האָט זי געענטפערט: "ביי מיין טאטע אין הויז". אויף זיין פראַגע וואָס ער טוט דאָ, און ווער האָט איהם דאָ אַהער געברענגט, האָט זי געענטפערט: "צו האָסטו מיר דען נישט געזאָגט נעכטן ביינאַכט, אַז יעדן גוטן חפץ וואָס איך האָב אינדערהיים, זאָל איך נעמען און

פירן צו מיין טאטעס הויז. אַזוי האָב איך טאַקע געטוהן, איך האָב דיך גענומען צו מיין טאַטן אַהיים, ווייל איך האָב נישט אַ בעסערע און טייערערע זאַך ווי דו...".

שפּעטער, זענען זיי צוריקגעקומען צו רבי שמעון בר יוחאי, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מתפלל זיין פאַר זיי, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד.

פירט אויס דער מדרש: "ללמדך" - דיך צו לערנען, אַז **פונקט ווי דער אויבערשטער איז "פוקד עקרות", ער העלפן קינדערלאָזע פרויען, אַזוי זענען די צדיקים פוקד עקרות.** איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך אויב אַ בשר ודם האָט געזאָגט צו אַ צווייטן בשר ודם אַזוי ווי איהם, אַז איך האָב נישט אַ בעסערן חפץ אויף דער וועלט פון דיר, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז **אידישע קינדער, וואָס וואַרטן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען יעדן טאָג, און זיי זאָגן: "מיר האָבן נישט אויף דער וועלט אַ בעסערן חפץ פון דיר", איז דאָך אַוודאי אַז זיי דאַרפן געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועת עולמים, אמן.**

עס שטייט אין ספר "שער יששכר" (אייר, מאמר "גל עיני", אות ה') אויף די ווערטער פון רבא (מכות יז:) "דילידא אימיה כרבי שמעון תלד, ואי לא, לא תלד", ווען עס ווערט געבוירן אַ קינד ביי אַ מאַמע, זאָל זי געבוירן אַ קינד אַזוי ווי רבי שמעון, און אויב נישט, זאָל זי נישט געבוירן". זאָגט רש"י (ד"ה "דילידא") אַז ווען די מאַמע געבוירט דאָס קינד, זאָל זי בעטן רחמים "יהי רצון שיהא כרבי שמעון", - אַז מיין זון זאָל זיין אַזוי ווי רבי שמעון.

פרעגט דער "שער יששכר", אַז בפשטות איז זייער שווער די ווערטער פון רבא: קען דען יעדער מענטש בעטן אַז זיין זון זאָל אויסוואַקסן אַזוי גרויס ווי דער הייליגער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי?!

ענטפערט דער "שער יששכר", אַז **דער טאָג פון די הילולא פון רבי שמעון, ל"ג בעומר, איז טאַקע אַזוי גרויס, אויף אַזוי ווייט, אַז מיר זענען אימשטאַנד צו בעטן און מתפלל זיין אויף קינדער אַזוי ווי רבי שמעון בר יוחאי, ווייל אין דעם טאָג פון זיין הילולא, ווערט אָנגענומען אין הימל יעדע תפילה וואָס מ'איז מתפלל צום באַשעפער.**

קען מען צולייגן, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא ביי אַ יולדת, נאָר **יעדער איינער פון אונז קען פועל'ן אין דעם טאָג, סיי פאַר זיך, און סיי פאַר זיינע זון און טעכטער, אַז מ'זאָל זיין "כרבי שמעון", ווען מ'איז מרבה בתפילה ובתחנונים אַז מ'זאָל זוכה זיין נתעלה צו ווערן אין תורה און יראה טהורה, און ממילא, וועט יעדער זוכה זיין צו שעפּן נחת דקדושה פון די קינדער און אייניקלעך.**

**ל.** הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל דערציילט (אין ספר "הילולא דרשב"י"), אַ מעשה וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט אין מירון, ל"ג בעומר פון יאָר תרפ"ג. שרייבט ער, "בעיני ראיתי", אַ דריי-יעריג קינד וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט זיין מאַמע קיין מירון פאַר אַ "חאַלאַקע", נאָך יאָרן וואס זיי האָבן נישט געהאַט קינדער, און זיי האָבן צוגעזאָגט אַז אויב זיי וועלן געהאָלפן ווערן, וועלן זיי ברענגען זייער קינד צו רבי שמעון צו מאַכן דאָרט דעם "חאַלאַקע", און זיי זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן צום יאָר. יענעם יאָר, איז ל"ג בעומר אויסגעפאַלן פרייטאָג, און רוב פונעם עולם איז געבליבן אויף שבת אין מירון ביי רבי שמעון.

אינמיטן תפילת מוסף, האָט מען געהערט אַ טומל פון איינעם פון די קליינע צימערן וואָס געפינען זיך העכער דעם ציון, אַז דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן מיט אַ שרעקליכע קרענק רח"ל און ער איז שוין געווען "ירוק ומת" - גרין און טויט - רח"ל. שרייבט ער, דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסלויפן פון די מערה, מורא האָבענדיג אַז די מחלה זאָל זיך נישט אָנקלעבן ח"ו. די פּאָליציי (פון צפת) האָט פאַרשלאָסן דעם טויער, אַז קיינער זאָל נישט אַריינקומען און אַרויסגיין, כדי די מחלה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן אינדרויסן ח"ו, אָבער אַ סאַך מענטשן האָבן באַוויזן אַרויסצולויפן פון די מערה.

שבת פאַר מוסף, האָט די מאַמע פון דאס קינד - וואָס ער איז געווען אַן אויסגעבעטן קינד - זיך אַוועקגעשטעלט ביים ציון פונעם הייליגן תנא אַרויסגעטריבן יעדן פון די מערה, זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד, און אויסגעשריגן:

- רבי שמעון! רבי שמעון! מיט וואָס פאַר אַ פנים וועל איך צוריקקומען אַהיים צו מיין מאַן? איך האָב צוגעזאָגט אַז איך וועל מאַכן אַ "חאַלאַקע" אין מירון, און איך האָב איהם טאַקע אַהער געברענגט! בעט איך דיר, פאַרשטער מיר נישט די שמחה און די שמחה פון מיין מאַן, וועלכער זיצט און וואַרט אַז מיר זאָלן צוריקקומען אַהיים צוזאַמען געזונטערהייט פון דיין הייליגן ציון!

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט פון איר אָרט, און אויסגערופן הויך:

- צדיק, צדיק! איך לאָז איבער דאָ ביי דיר מיין קינד, אַזוי ווי ער איז. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען, און דו זאָלסט איהם אומקערן צו מיר געזונט און פריש, אַזוי ווי איך האָב נעכטן געברענגט אַהער...

**עס** שטייט אין ספר "אורה ושמחה" פון הרה"ק רבי אברהם שמחה מבארנוב זי"ע, אַז די ווערטער "שמעון בר יוחאי", באַטרעפן 703, אַזוי ווי דאָס וואָרט "ורפאתיו".

**נאָך** מער: הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע זאָגט ("אמרי פנחס" השלם, אות רלא) אַז ל"ג בעומר איז גאָר שטאַרק מסוגל מעורר צו זיין אַ רפואה, און דער וואָס דאַרף נעמען אַ רפואה זאָל אָנהייבן נעמען די רפואה אין ל"ג בעומר, ווייל "בורא רפואות" איז מכוון אַנטקעגן די מדה פון "הוד", און אויב אַזוי, איז דער טאָג פון ל"ג בעומר - די ספירה פון "הוד שבהוד" - מסוגל אָנצוקומען צום תכלית פון רפואה.

"מזוני" - דער "חתם סופר" זי"ע שרייבט אין אַ תשובה (יו"ד סי' רל"ג) אויף די ווערטער פון מדרש, אַז ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך אַ שטיקל מצה, און פון דעם האָבן זיי געהאַט צו עסן פאַר דרייסיג טעג. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין מדבר 3 טעג אָן ברויט. אויף'ן דריטן טאָג, י"ח אייר - ל"ג בעומר האָט דער אויבערשטער אָנגעהויבן אַראָפּצוגעבן די מן פון הימל. דער "חתם סופר" פירט אויס: "וראוי לעשות לזה זכר טוב".

**אויב** אַזוי, איז דאָך ל"ג בעומר מסוגל אויך משפיע צו זיין פרנסה, ווייל אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער אַראָפּגעשיקט פאַר די אידן, דעם מן פון הימל[לא].

---

עס וועט זיין אַ קידוש השם אויף דער וועלט, און אַלע וועלן וויסן אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס האָט זיינע צדיקים אויף דער וועלט!...

אַלס אַ סגולה, האָט מען פאַרשפּאַרט די טיר, און נאָר דאָס קינד איז דאָרט געבליבן. שרייבט רבי אשר זעליג ווייטער, אַז דאָס קינד האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שרייען, 'מאַמע, איך וויל טרינקען וואַסער!'. ער שילדערט וואָס עס האָט זיך שפּעטער אָפּגעטוהן ביי די מערה, ווי עס האָט אויסגעזעהן די תפלת מוסף יענעם שבת. די ענגלישע דאָקטוירים האָבן שפּעטער אונטערזוכט דאָס קינד, און געמוזט מודה זיין, אַז ער איז געזונט געוואָרן שלא כדרך הטבע, און זיי האָבן געלאָזט צוריק עפענען דעם ציון הקדוש. ער פירט אויס: דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט, און געמאַכט די ברכה "מחיה המתים"...

רבי אשר זעליג אַליין האָט דערציילט וועגן זיך זעלבסט, אַז ער האָט אַמאָל געליטן גרויסע ווייטאָגן אין האַלדז, און די דאָקטוירים האָבן איהם געראָטן דורכצוגיין אַן אָפּעראַציע אויף'ן האַלדז. ער האָט אָבער געהאַט גרויסע חששות דערוועגן, און ער איז געפאָרן קיין מירון און אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים ביים הייליגן ציון הרשב"י. אינמיטן זאָגן תהלים, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער הוסט, און ער האָט אויסגעשפּיגן בלוט. צוזאַמען מיט'ן בלוט, האָט ער אויך אויסגעשפּיגן די גאַנצע "אייטער" וואָס ער האָט געהאַט אין האַלדז, און ער האָט זיך מער נישט גענויטיגט אין אַן אָפּעראַציע.

**ס'איז בלי שום ספק, אַז אויב אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק ביים הייליגן ציון און שרייט אויס אַ תפילה, און ער הערט נישט אויף צו בעטן און מתפלל זיין**, אַזוי ווי יענע דערבאַרימדיגער מאמע וואָס האָט אַזוי געשריגן און געבעטן רחמים פאַר איר זון'ס לעבן, וועט ער אויס'פועל'ן אַלעס וואָס ער בעט, אפילו אויב רבי שמעון וועט דאַרפן פועל'ן ביי באַשעפער איבערצודרייען פאַר איהם אַלע מערכות הטבע. **מ'דאַרף נאָר בעטן אַזוי ווי יענע מאַמע וואָס האָט געבעהטן אַז איר קינד זאָל אויפשטיין צום לעבן...**

**לא.** עס שטייט אין ספר "מאורן של ישראל" (י"ד שבט, אות ב') אַז הרה"ק בעל "ישמח ישראל" זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער טאָג ווען דער צדיק ווערט נסתלק, ווערט גערופן "הילולא", ווייל דער טאָג איז פאַר דעם צדיק ווי אַ "חתונה". פונקט ווי ביי אַ חתונה לייענט מען די כתובה פאַר'ן חתן, כדי איהם צו דערמאַנען זיינע התחייבות'ן פאַר די כלה, אַזוי אין די יומא דהילולא פונעם צדיק, דערמאַנט מען איהם זיינע התחייבות'ן כלפי די מענטשן וועלכע האָבן זיך מסתופף געווען בצילו, עכ"ל.

לויט דעם קען מען זאָגן, אַז ל"ג בעומר, דער טאָג פון די הילולא קדישא פון תנא האלקי רשב"י, איז ער ווי אַ "חתן" וואָס קומט אַרויס פון די חופה, מיט אַ "שטר כתובה", און טיילט גוטע השפעות פאַר אַלע וואָס באַטייליגן זיך אין זיין גרויסע שמחה, סיי פון דער נאָנט, **סיי פונדערווייטנס**. אין דער "כתובה" פון רבי שמעון שטייט די ווערטער: **"ואנא אפלח ואיזון ואפרנס יתיכי ליכי", און איך וועל דיך שפּייזן און פיטערן מיט אַלע גוטע השפעות. איז ער דאָך זיך אַליין מתחייב משפיע צו זיין אויף אונז בני, חיי ומזוני, און אַלע אַנדערע באַדערפענישן, מיט אַ גרויסע הרחבה.**

ל"ג בעומר, איז אויך מסוגל מתפלל צו זיין אויף די גאולה שלימה בב"א[לב], ווי הרה"ק בעל "צבי לצדיק" מבלאָזשוב זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט ל"ג בעומר, "איך קען נישט זאָגן ווען עס וועט זיין, אָבער עס דאַכט זיך מיר אַז ווען עס וועט זיין, וועט עס זיין ל"ג בעומר" (מובא בס' "שיח זקנים").

**ביטל כמה גזירות - ר' שמעון'ס כח צו מבטל זיין אַלע שווערע גזירות**

**מורא'דיגע** מעשיות און געשיכטעס ווערן געברענגט אין זוהר הקדוש, וועגן דעם כח פון רבי שמעון בן יוחאי בטל צו מאַכן די גזירות.

**דער** זוהר הקדוש דערציילט (השמטות ח"א עה"פ ואברהם היה יהיה), אַז איינמאָל איז רבי שמעון בן יוחאי אַרויסגעגאַנגען און געזעהן מיט זיינע הייליגע אויגן אַז אַ גרויסע פינצטערניש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט. האָט רבי שמעון געזאָגט צו זיין זון רבי אלעזר, קום מיט מיר, לאָמיר זעהן וואָס דער אויבערשטער וויל יעצט טוהן אין זיין וועלט.

**זענען** זיי געגאַנגען און זיי האָבן באַגעגנט אַ מלאך וואָס איז געווען גרוים אַזוי ווי אַ גרויסער באַרג, און פון זיין מויל זענען אַרויסגעגאַנגען דרייסיג פלאַקערס פון פייער. האָט רבי שמעון בן יוחאי געפרעגט דעם מלאך, ווי אַהין גייסטו, און וואָס גרייטסטו זיך צו טוהן אויף דער וועלט? האָט דער מלאך איהם געענטפערט: איך גיי חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט, ווייל עס איז דאָ אַ גזירה פון באַשעפער אַז עס מוזן אייביג זיין אויף דער וועלט דרייסיג צדיקים, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית יח, יח) 'ואברהם היו יהיה'. 'יהיה' באַטרעפט דרייסיג, און יעצט זענען דאָ אויף דער וועלט ווייניגער ווי דרייסיג צדיקים. דעריבער האָט דער באַשעפער מיך געשיקט חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

**האָט** רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו דעם מלאך: איך בעט פון דיר, גיי צוריק צו דעם אויבערשטען און זאָג איהם אַז 'בר יוחאי' געפינט זיך דאָך אויף דער וועלט. האָט דער מלאך זיך געוואָנדן צו דעם אויבערשטען און איהם געזאָגט: 'האַר פון דער וועלט, דו ווייסט דאָך וואָס בר יוחאי האָט מיר געזאָגט'. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו דעם מלאך: גיי און מאַך חרוב די וועלט, און קוק דיך נישט אום אויף די ווערטער פון דעם זון פון יוחאי.

**איז** דער מלאך צוריקגעקומען צו טוהן זיין שליחות, און רבי שמעון בן יוחאי האָט איהם געזעהן. האָט רשב"י איהם געזאָגט: אויב דו וועסט זיך נישט אָפּטראָגן פון דאָ, וועל איך גוזר זיין אויף דיר אַז דו זאָלסט מער קיינמאָל נישט קענען צוריק אַרויפגיין צו דיין אָרט אין הימל, ווייל איך וועל דיך פאַרוואַרפן צו אַ פאַרשטויסענעם אָרט, וואו 'עוזא' און 'עזאל' זענען פאַרשיקט געוואָרן [דאָס זענען די מלאכים וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו די ערד, און זיי זענען צוגעבונדן מיט קייטן אין די 'הרי חושך' (יומא סז:, און רש"י דאָרט, ד"ה 'עוזא')], נאָר גיי צוריק צום באַשעפער פון דער וועלט און זאָג איהם, אַז אויב עס זענען נישט דאָ אויף דער וועלט דרייסיג צדיקים, איז גענוג פאַר אונז דער זכות פון צוואָנציג צדיקים פאַר'ן קיום פון דער וועלט, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית יח, לא) 'לא אשחית בעבור העשרים'. און אויב ס'זענען נישט דאָ אַפילו צוואַנציג צדיקים אויף דער וועלט, איז גענוג דער זכות פון צען צדיקים צו ראַטעווען די וועלט פון אַ חורבן, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט (שם פסוק לב) 'לא אשחית בעבור העשרה'. און אויב עס זענען נישט דאָ אויף דער וועלט אַפילו צען צדיקים, זאָל די וועלט שטיין אין זכות פון צוויי צדיקים - איך און מיין זון, רבי אלעזר, ווייל אַזוי זאָגט דער פּסוק (דברים יט, טו) 'על פי שנים עדים יקום דבר', און 'דבר' מיינט מען די וועלט, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים לג, ו) 'בדבר ה' שמים נעשו'. און אויב ס'זענען נישט דאָ אויף דער וועלט אַפילו צוויי צדיקים, איז דאָ איין

**לב.** ווען דער הייליגער "בת עין" זי"ע, האָט זיך געזעגענט מיט הרה"ק רבי מרדכי'לע טשערנאָבילער זי"ע (יאָרצייט, כ' אייר), איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט רבי מאָטעלע טשערנאָבילער איהם געזאָגט, ער זאָל זיך **"אויסוויינען די אויגן פאַר רבי שמעון"**. דאָס מיינט, ער זאָל מתפלל זיין ביי רבי שמעון, צוצואיילן די גאולה שלימה. דערנאָך האָט רבי מאָטעלע טשערנאָבילער געזאָגט:

צדיק, און דאָס בין איך, און דער פסוק זאָגט (משלי י, כה) 'וצדיק יסוד עולם' - איין צדיק קען אויך אונטערהאַלטן די וועלט עס זאָל נישט חרוב ווערן ח"ו.

און דער זוהר הקדוש פירט אויס: דאַן איז אַרויסגעגאַנגען אַ 'בת קול' פון הימל און געזאָגט, 'וואויל איז דיין חלק, רבי שמעון, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא איז גוזר אויבן אין הימל, און דו ביזט עס מבטל אונטן'[לג], אויף דיר זאָגט אַוודאי דער פסוק (תהלים קמה יט) 'רצון יראיו יעשה'[לד].

'דבריו עושים פירות' - אַפילו מיט אַ וואָרט[לה], אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר חדש (מדרש רות קד.) אַז אַמאָל איז רבי שמעון בן יוחאי געגאַנגען אויפ'ן וועג, און ווען ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט 'לוד', האָבן די שטאָט לייט איהם דערציילט אַז עס בושעוועט אַ

---

- "אויב איך וואָלט געגאַנגען קיין ארץ ישראל, וואָלט איך אַרויפגעגאַנגען צו די מערה, און כ'וואָלט אַזוי לאַנג מתפלל געווען ביז אידישע קינדער וועלן געהאָלפן ווערן מיט די גאולה שלימה", אמן.

**לג.** הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, דער 'עטרת צבי', איז אַמאָל געזעסן מיט'ן עולם ל"ג בעומר, און צווישן אַנדערן האָט דער הייליגער זידיטשויבער געזאָגט, אַז די ווערטער **'רבי שמעון בן יוחאי'**, באַטרעפן די זעלבע צאָל ווי **'ידיד נפש אב הרחמן'** (אַזוי שרייבט אויך דער 'אמרי נועם', מועדים, אין יאָרצייט פון זיין טאַטן הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקובער זי"ע, בשם צדיק אחד).

ביים טיש איז געזעסן אַ איד וואָס איז נישט געווען אַ חסיד, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן איבעררעכענען אויב דער חשבון שטימט, און ער האָט געזעהן אַז עס פעלט איינס [ווייל 'רבי שמעון בן יוחאי' באַטרעפט 765, און 'ידיד נפש אב הרחמן' באַטרעפט 764...). האָט הרה"ק רבי הערשעלע זיך אָנגערופן צו דעם איד:

- אָה, איך האָב נישט געגלייבט אַז אַ למדן ווי איר זענט, וועט פרעגן אַזאַ שאלה, ווייל אין די גמרא שטייט אייביג 'יוחאי' אָן אַן אל"ף (יוחי), אַזוי אַזביידע באַטרעפן די זעלבע - 764...

פון דעם לערנען מיר, אַז **רבי שמעון בן יוחאי איז בכח צו פועל'ן אַז דער אויבערשטער זאָל זיך פירן מיט אונז מיט חסד און רחמים**, ער זאָל זיין אונזער 'ידיד נפש אב הרחמן'.

## מן הבאר

אַ איד פון ירושלים וועמענס זון איז געווען נישט געזונט ל"ע, האָט איהם מזכיר געווען ביי הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע, אדמו"ר מלעלוב אין ירושלים. האָט רבי דוד'ל איהם געהייסן פאָרן קיין מירון, און ער וועט דאָרט פועל'ן זיין ישועה ביים ציון פונעם תנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי. האָט דער איד געזאָגט צו הרה"ק רבי דוד'ל: **'איך בין שוין געווען אין מירון'**. האָט רבי דוד'ל איהם געזאָגט, פאָר נאָך אַמאָל... און ער זיך מסביר געווען: איינער וואָס גייט צו אַ דאָקטאָר און ער איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן, **וועט ער דען נישט צוריקגיין צום דאָקטאָר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז ער וועט ווערן אויסגעהיילט...?!**

הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל האָט אַמאָל געליטן פון שטאַרקע יסורים רח"ל אין האַלדז, און די דאָקטוירים האָבן איהם געראטן זיך צו לאָזן אָפּערירן אויפ'ן האַלדז. ער האָט אָבער זייער מורא געהאַט דערפון, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין מירון צום ציון פון תנא האלוקי רשב"י, און דאָרט אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים ביים הייליגן ציון. אינמיטן זאָגן תהלים, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער היסט, וואָס האָט גורם געווען ער זאָל אויסשפּייען בלוט, און דערמיט האָט ער אויך אויסגעשפּיגן דאָס גאַנצע אייטער וואָס איז געווען פאַרשטעקט ביי איהם אין האַלדז, און ער האָט מער נישט גענויטיגט אין אַן אָפּעראַציע.

**לד.** אָט זענען אויסצוגן פון אַ בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ יונגערמאַן אַ גרויסן תלמיד חכם:

ט' אייר לפרשת אמור תשפ"ג.

פורים תשפ"ב האט נוו"ב זיך זייער נישט גוט געפילט. א חודש שפּעטער האָבן די דאָקטוירים געפונען ביי איר אַ געוויקס רח"ל און זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז אין רוב פעלער טוט אַזאַ געוויקס זיך נישט צושפּרייטן ח"ו, אָבער ס'איז נאָך אַלץ פאַרהאַן אַן אָרט חושש צו זיין אַז עס איז יאָ גאר ערנסט חלילה, און די סכנה איז גרויס רח"ל. עס האט אונז ארומגענומען א אויסטערלישע פחד... צוויי וואָכן פאַר ל"ג בעומר, בין איך געפאָרן צום ציון פונעם

תנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי, דאָרט האָב איך אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים מיט בכיות און תחנונים, אַז מיר זאָלן הערן גוטע בשורות.

אַ טאָג שפּעטער, האָב איך געלערנט אין מיין 'שיעור' אין גמרא (יבמות דף סז:) אַ מחלוקת צווישן די תנאים רבי יוסי און רבי שמעון צי מ'איז חושש פאַר אַ 'מיעוט'. לויט רבי שמעון איז מען נישט חושש למיעוטא. בין איך באַלד אויפגעשפּרינגען פון אָרט און אָנגעהויבן נאָכקוקן ווי עס וועמען עס בלייבט די הלכה, און איך האָב געפונען אַז איבעראל וואו רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אַ הלכה, בלייבט די הלכה אַזוי ווי ער (אַנדערש ווי סתם רבי שמעון). פון דעם האָב איך געשעפּט אַ געוואַלדיגן חיזוק, צו קענען באַקומען אין וויינער ווי 24 שעה אַ 'מעלדונג' אַז מ'דאַרף נישט חושש זיין פאַר אַ 'מיעוט', און די דאָקטוירים האָבן דאָך געזאָגט אַז אין רוב פעלער איז דער סאָרט געוויקס נישט אַ געפאַר...

שרייבט דער יונגערמאַן ווייטער: ל"ג בעומר תשפ"ב, בין איך נאָך אַמאָל געפאָרן קיין מירון, דאָרט האָב איך זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ ביי רבי שמעון בן יוחאי פאַר די רפואה און ישועה פון מיין פרוי. איך האָב געזאָגט: איך בעט דיך, באַשעפער, האָב רחמנות אויף אונז אין זכות פון רבי שמעון בן יוחאי, און אויב דער געוויקס איז אַ סכנה ח"ו זאָלסטו איהם איבערדרייען עס זאָל נישט זיין אַ געפאַר, און ווי אַזוי וועט מען וויסן וועגן דעם נס? (מ'קען דאָך מיינען אַז ס'איז באַלד לכתחילה נישט געווען מסוכן), וועגן דעם בעט איך ביי דיר, אַז דער געוויקס זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן און זי זאָל נישט דאַרפן קיינע באַהאַנדלונגען... איך האָב דעמאָלס גענומען אויף זיך, צו לערנען יעדן טאָג אַ בלאַט אין זוהר הקדוש ביז אַ יאָר שפּעטער, ל"ג בעומר תשפ"ג, און אַזוי האָב איך זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַ 'סעודת הודאה' ברוב עם. איך האָב דאָרט פאַרגאָסן טרערן פון טיפן האַרץ, רבי שמעון בן יוחאי, היינט דאָס דאָך דיין טאָג, פּועל פאַר אונז אַ גרויסע ישועה, און איך האָב אויך געבעטן אַז זי זאָל קענען געבוירן נאָך קינדער בעזהי"ת.

עטליכע טעג פאַר יום טוב שבועות, האָט מיין פרוי געהאַט דעם 'אַפּאָינטמענט' ביים דאָקטאָר. ווען זי האָט געזעהן דעם 'נאָדל' מיט וועלכן מ'מאַכט דעם 'טעסט', האָט זי פאַרשטאַנען אַז דער ענין איז גאָר ערנסט... דער דאָקטאָר האָט אָבער באַשלאָסן פאַר'ן דורכפירן דעם 'טעסט', צו מאַכן נאָך אַן 'עקסרעי', און נאָכ'ן מאַכן דעם 'עקסרעי', האָט ער געזאָגט צו מיין פרוי: איך זעה קלאָר אַז דער געוויקס איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן, און ער האָט 'אָפּגע'פּסק'ענט', אַז וויבאַלד ס'איז אַזאַ קליינער געוויקס, דאַרף מען נישט מאַכן נאָך טעסטן. איר קענט אַהיימגיין, און צוריקקומען אין פיר חדשים אַרום פאַר אַ טעסט. איבעריג צו זאָגן אַז דער געוויקס איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און מיר האָבן געפּראַוועט אַ גרויסע סעודת הודאה.

דער יונגערמאַן גיט צו: ביי די סעודה, האָב איך געזאָגט צו די באַטייליגטע, אַז מיר נוצן נישט אויס געהעריג די מתנה פון 'קברי צדיקים', בפרט ביי רבי שמעון בן יוחאי, און ספּעציעל אין דעם גרויסן טאָג ל"ג בעומר. לאָמיר זיך נישט באַגנוגענען מיט זאָגן תהלים, טאַנצן און פּראַווען אַ סעודת הילולא, נאָר מ'דאַרף צוגיין צו דעם אַלעם מיט אַ התבוננות און טיפן פאַרשטאַנד, אַז מ'קען אויסנוצן דעם מעמד און דעם זמן, און פאַרשטיין אַז דאָס איז דער טאָג פון רשב"י, און אַז מיר זענען בכח צו פּועל'ן די גרעסטע ישועות אויף דער וועלט.

ביים סוף פון זיין בריוו, פירט אויס דער יונגערמאַן: און נישט נאָר דאָס, נאָר ערב שבת קודש פרשת אחרי-קדושים, ז' אייר תשפ"ג, איז ביי אונז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער למזל טוב...

**לה.** דער זוהר הקדוש (שמות טו.) דערציילט, אַמאָל איז רבי שמעון געזעסן, און זיין זון רבי אלעזר איז געשטאַנען נעבן איהם און פאַרטייטשט סודות התורה, זייערע פּנימ'ער האָבן געלויכטן אַזוי ווי די זון, און זייערע ווערטער זענען אַרויף ביז'ן הימל. אַזוי זענען זיי געזעסן אין משך פון צוויי גאַנצע טעג - זיי האָבן נישט געגעסן און נישט געטרינקען, און נישט געוואוסט אויב עס איז טאָג אָדער נאַכט. ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט רבי שמעון זיך אָנגערופן מיט די ווערטער פונעם פסוק (שמות לד, כח) 'ויהי שם עם ה' ארבעים יום וארבעים לילה - לחם לא אכל ומים לא שתה'.

ווען רבי חייא האָט דערציילט די מעשה פאַר רבי, האָט רבי זיך געוואונדערט דערויף. האָט זיין טאַטע, רבי שמעון בן גמליאל, איהם געזאָגט: וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי דערויף? **רבי שמעון בן יוחאי איז דאָך אַ לייב, און אויך זיין זון רבי אלעזר איז אַ לייב, און רבי שמעון בן יוחאי איז נישט אַזוי ווי די אַנדערע לייבן, נאָר וועגן איהם זאָגט דער פסוק** (עמוס ג ח) **'אריה שאג מי לא ירא'. און מה דאָך די אויבערשטע וועלטן ציטערן פאַר איהם, איז**

מגיפה רח"ל אין שטאָט, איז רבי שמעון געגאַנגען אַרום די שטאָט און געזעהן ווי אַסאַך מענטשן ליגן ווי טויט רח"ל. האָט ער געזאָגט, 'ווי אַזוי איז מעגליך אַז די מגיפה זאָל דאָ בושעווען ווען איך בין דאָ אין שטאָט?! איך בין גוזר אַז די גזירה זאָל בטל ווערן'!

**האָט** מען באַלד געהערט אַ 'בת קול' וואָס רופט אויס און זאָגט פאַר די מלאכים וואָס זענען געווען ממונה אויף די מגיפה, גייט אַרויס פון דעם אָרט, ווייל רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך דאָ, און דער אויבערשטער איז גוזר אַ גזירה און ער (רבי שמעון) איז עס מבטל.

**אין** יענע צייט האָט רבי חנינא זיך געפונען אין דער שטאָט לוד, און ווען ער האָט געזעהן די מעשה, איז ער געקומען צו רבי מאיר און איהם דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען. האָט רבי מאיר זיך אָנגערופן: ווער קען דען פאַרשטיין די שבחים פון רבי שמעון בן יוחאי. דאַן האָט ער געזאָגט דעם פסוק (במדבר יז, יא) 'ויאמר משה אל אהרן, קח את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים עליה קטורת', און עס שטייט דאָרט (פסוק יב) 'ויקח אהרן וגו' והנה החל הנגף בעם', און אויך שטייט (פסוק יג) 'ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגיפה'. משה רבינו ע"ה האָט זיך געדאַרפט מטריח זיין אזוי ווייט צו ברענגען די קטורת, אז ער האט עס געדארפט ברענגען צווישן די לעבעדיגע און טויטע, אבער רבי שמעון בן יוחאי, טוט דער אויבערשטער אַזוי ווי ער באַפעלט און ער מאַכט בטל די מגיפה, בלויז מיט אַ וואָרט פון זיין מויל[לו].

---

**דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז מיר דאַרפן מורא האָבן פון איהם, אַ מענטש וואָס האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט גוזר תענית זיין אויף אַלעם וואָס ער האָט געבעטן, נאָר ער גיט אַרויס אַ גזירה און דער אויבערשטער פאָלגט עס אויס, דער אויבערשטער איז גוזר אַ גזירה און ער מאַכט עס בטל.**

**לו.** און אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ גאַנץ יאָר, איז דאָך אַ קל 'וחומר' אין דעם טאָג וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט וועגן איהם, **'האי יומא ברשותי קאי'.**

די ספרים פרעגן, פאַרוואָס אין דעם יאָרצייט פון משה רבינו ע"ה (ז' אדר) פאַסט מען און מ'איז באבילות, און ל"ג בעומר - דער טאָג פון די הסתלקות פון רבי שמעון בן יוחאי איז אַ יום שמחה (דער פשוטער טעם דערפון איז, ווייל ווען משה רבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן זענען פאַרגעסן געוואָרן אַסאַך הלכות, אָבער ל"ג בעומר, האָט רבי שמעון בן יוחאי באַלויכטן די גאַנצע וועלט מיט די התגלות פון זיין 'אידרא קדישא', וועגן דעם איז עס אַ יום טוב פאַר אידן).

ענטפערן די ספרים, ווייל רבי שמעון בן יוחאי האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט גוזר תענית זיין אַז מ'זאָל נאָכגעבן זיינע בקשות, נאָר מיט אַ וואָרט פון זיין הייליגן מויל האָט ער בטל געמאַכט אַלע גזירות (מה שאין כן משה רבינו ע"ה און די אַנדערע צדיקים, האָבן געדאַרפט פאַסטן כדי בטל צו מאַכן שלעכטע גזירות פון אידישע קינדער). וועגן דעם פאַסט מען נישט אין טאָג פון זיין יאָרצייט, ווייל דער צדיק האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט פאַסטן איבער די גזירות, און אדרבה, מיט'ן זיך פרייען אין דעם הייליגן טאָג, זענען מיר זוכה צו פועל'ן אין הימל גרויסע ישועות.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'מסע מירון' (ע' קיא, ועוד) אַ מורא'דיגע מעשה אין נאָמען פון רבי יוסף סופר וואָס האָט זיך באַזעצט אין צפת אין יאָר תקכ"ב: ווען עס האט פאסירט די ערד ציטערניש (אין צפת און אין מירון) חודש חשבון תקכ"ב, זענען אַלע אַראַבער און די גוים וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, געקומען צו דעם בנין פון רשב"י ז"ל, און די טיר איז געווען פאַרמאַכט (ווייל לויט ווי עס ווערט געשילדערט אין די ספרי קורות הימים פון יענע תקופה, איז דער בנין פונעם ציון אייביג געווען פאַרמאַכט, ווייל עס האבן געוואוינט וויייניג אידן אין מירון, און רוב איינוואוינער אין שטאָט זענען געווען אַראַבער, און די שליסל צום ציון איז געלעגן ביי דעם שמש וואָס האָט געוואוינט אין צפת, וואָס ער פלעגט קומען און עס עפענען נאָך דעם ווי מ'האָט איהם געגעבן אַ 'מטבע' דערפאַר). האָבן די אַראַבער געשריגן: רבי שמעון, רבי שמעון, וויבאַלד דו ביזט אַ גרויסער און חשוב'ער מענטש אויף דער וועלט, און אויך האָבן מיר געהערט פון אונזערע עלטערן וועגן דיין חשיבות, און אויך אין אונזערע אויגן ביזטו חשוב - בעטן מיר דיך, עפען דיין טיר... פלוצלינג האָט די טיר זיך געעפענט פון זיך אַליין, און זיי זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אינעווייניג, און זענען געראַטעוועט געוואָרן, זיי און זייערע פרויען און קינדער, און עס האָט זיי נישט פאַסירט קיין שום שאָדן.

ווען עס איז געווען די צווייטע ערד ציטערניש (ו' כסלו) זענען אַלע ווידער אַריינגעלאָפן (אידן, און להבדיל די אַראַבער און די גוים) צום בנין פון רשב"י ז"ל, אַזוי ווי ביים פריערדיגן מאָל, און ווען זיי זענען אָנגעקומען נאָנט צום ציון,

די שיטה פון רבי שמעון בן יוחאי איז דאָך אַז די שפע וואָס קומט אין זכות פון דעם צדיק, בלייבט אייביג, אַזוי ווי דער 'ספרי' זאָגט (פ' עקב, פיסקא לח) לגבי די ברכה וואָס די צדיקים ברענגען-מיט מיט זיך איבעראל וואו זיי גייען, ווען יעקב איז געווען ביי לבן, איז לבן געבענטשט געוואָרן... יוסף איז געווען ביי פוטיפר אין הויז, איז ער געבענטשט געוואָרן... יעקב איז געקומען צו פרעה, איז ער געבענטשט געוואָרן אַז די הונגער יאָרן האָבן זיך אויפגעהערט פאַר די צייט, און דער תנא קמא האַלט, אַז נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן זענען די הונגער יאָרן צוריקגעקומען ביז זייער צייט איז פול געוואָרן (דאָס הייסט, ס'איז געווען אַ הונגער אין משך פון זיבן יאָר).

רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אָבער, אַז דאָס איז נישט אַ קידוש השם, אַז די ווערטער פון די צדיקים זאָלן האָבן אַ קיום ביי זייער לעבן און זאָלן בטל ווערן נאָך זייער אַוועקגיין, נאָר די שפע וואָס קומט דורך דעם צדיק, האָט אַ קיום אויף אייביג[לז].

**רבי שמעון בן יוחאי לכל - א קשר מיט ר' שמעון אין יעדע מצב, אפילו לפחותים**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (קו: קז.) אַז דער וואָס האָט אמונה[לח] אין רבי שמעון בן יוחאי, האָט חיזוק פון רשב"י. 'כשם שהשם יתברך לכל, כך רבי

---

האָבן זיי געזעהן אַז דער גאַנצער בנין האָט זיך אויפגעהויבן הויך הויך, און איז געשפּרינגען אין דער לופט אַזוי ווי אַ מענטש וואָס שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ. די 'כיפה' העכער דעם בנין האָט זיך צעטיילט אויף צוויי.

וויבאַלד זיי האָבן דאָס געזעהן, זענען זיי געוואָרן זייער דערציטערט, און זיי האָבן זיך אַלע צעשריגן: 'רבי שמעון, רבי שמעון, אויב דיין בנין איז אַזוי, וואָס וועט זיין מיט אונז...'. דאָס האָט אַזוי געדויערט מער ווי אַ האַלבע שעה, און דערנאָך האָט די ערד זיך באַרואיגט, און דער בנין איז צוריק געגאַנגען צום ארגינעלן אָרט. די 'כיפה' העכער די מערה וואָס איז געוואָרן צעטיילט אויף צוויי, האָט זיך באַהאַפטן אַזוי ווי פריער, און עס האט זיך בכלל נישט דערקענט אַ שאָדן. די מענטשן וואָס זענען אַהין געקומען האָבן געזעהן דעם גרויסן נס אין דעם בנין, אינדרויסן און אינווייניג. זיי האָבן געזוכט צו זעהן אויב עס איז דאָ עפּעס אַ קריץ אין דעם בנין, און זיי האָבן נישט געטראָפן אַ סימן אָדער אַ שפּאַלט אין די ווענט. אַלעס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי פריער!

קענען מיר לערנען פון דעם אַ 'קל וחומר', **אויב די אַראַבער וואָס האָבן נאָר געשריגן 'רבי שמעון, רבי שמעון' מיר האָבן געהערט וועגן דיין חשיבות', האָט מען פאַר זיי געעפענט די טויערן, און רבי שמעון בן יוחאי האָט זיי אָנגענומען מיטביידע הענט און זיי געראַטעוועט, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז די טויערן דאַרפן זיך עפענען פאַר אונז, ווייל אַלע פון אונז דאַרפן אָנגעקומען צו דעם אַז די טויערן זאָלן זיך עפענען.** איינער וואַרט אַז עס זאָלן זיך עפענען די טויערן פון זיין האַרץ צו פאַרשטיין די תורה. אַנדערע דאַרפן אָנקומען צו 'פתיחת שערים' פון די הערצער פון זייערע זין און טעכטער, אַז זיי זאָלן גיין אויפ'ן ערליכן וועג. **לאָמיר אַלזאָ שרייען: 'רבי שמעון, רבי שמעון, וויבאַלד דו ביזט אַזוי גרויס און חשוב, און מיר האָבן אויך געהערט פון אונזערע עלטערן וועגן דיין חשיבות, און אויך אין אונזערע אויגן ביזטו חשוב - עפען דיין טויער, און די טיר וועט זיך עפענען פון זיך אַליין.**

**לז.** עס שטייט אין זוהר הקדוש ('אידרא זוטא', ח"ג, רצו:) אַז פאַר זיין הסתלקות האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט דעם פסוק (תהילים קלג ג) 'כי שם צוה ה' את הברכה חיים על העולם', און ער האָט נישט באַוויזן צו זאָגן דאָס וואָרט 'חיים', און זיין הייליגע נשמה איז אַרויפגעגאַנגען אין הימל. דאָס מיינט, אַז 'לעבן' האָט רשב"י איבערגעלאָזט פאַר אונז אויף דער וועלט, ווייל **רבי שמעון בן יוחאי איז בכח לעבעדיג צו מאַכן די טויטע און אויך 'לעבעדיג מאַכן' די לעבעדיגע, מיט רפואות און ישועות, אמן.**

**לח.** פון די שטאַרקע יסודות וואָס מיר לערנען פון רשב"י, איז אמונה. חז"ל זאָגן (ירושלמי שביעית, פ"ט ה"א, ב"ר פע"ט, ו) אַז ווען עס האָבן זיך געענדיגט די דרייצן יאָר וואָס רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר האָבן זיך געפונען אין די מערה (צוליב די מורא פון די רוימער וואָס האָט זיי געוואָלט הרג'ענען), **האָט רבי שמעון בן יוחאי זיך אַוועקגעשטעלט** ביי די טיר פון די מערה, און אָט זעהט ער אַ פאַנגער וואָס פאַנגט פייגלעך, און ווי ס'איז זייער שטייגער, האָט ער באַוויזן צו פאַנגען טייל פון די פייגלעך, און טייל פון זיי האָבן זוכה געווען צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען פון זיין נעץ. דאַן האָט רבי שמעון בן יוחאי געהערט, ווי ביי יעדן פויגל, ווען ס'איז געקומען זיין צייט צו ווערן געכאַפּט פון די פייַלן פונעם פאַנגער, גייט אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און רופט אויס וואָס עס זאָל זיין דער גורל פון דעם

**שמעון בן יוחאי לכל[לט], אפילו לפחותים[מ]. פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער איז פאַר יעדן איינעם, אַזוי איז רבי שמעון בן יוחאי פאַר יעדן איינעם, אַפילו פאַר נידעריגע און פּראָסטע מענטשן.**

---

פויגל. אויב דער 'בת קול' האָט אויסגערופן 'דימוס' (וואָס מיינט 'פריי'), האָט דער פאַנגער נישט באַוויזן איר צו פאַנגען, און אויב עס האָט אויסגערופן 'ספקולא' (געכאַפּט) האָט ער יאָ באַוויזן עס צו פאַנגען. האָט רבי שמעון בר יוחאי זיך אָנגערופן און געזאָגט, **אויב אויף אַ פויגל וואָס איז אַ לייכטע באַשעפעניש, איז דאָ אַ גענויע השגחה פּרטית פון הימל, און זי ווערט נישט געפאַנגען נאָר אויפ'ן באַפעל און דעם רצון פון באַשעפער, איז דאָך אַ 'קל וחומר' אַז אויף אונז איז דאָ אַ השגחה פּרטית פון הימל.** און דאן האָבן זיי געטראַכט: דעריבער, קענען מיר אַלע אַרויסקומען פון אונזער 'הייל' אין וועלכער מיר זיצן, און אויב ס'איז נישט באַשערט פאַר אונז חלילה אומצוקומען דורך די רוימישע מלכות הרשעה, וועט דער קעניג אונז ממילא נישט קענען הרג'ענען, ממילא, וואָס האָבן מיר זיך צו באַהאַלטן אין די מערה. מיט אט די התבוננות זענען רשב"י און זיין זון רבי אלעזר אַרויסגעקומען פון די מערה, צו באַלייכטן די גאַנצע וועלט מיט זייער הייליגע תורה און חכמה.

אויסער דעם וואָס מיר לערנען דאָ אַ פּרק אין הלכות 'אמונה ובטחון', אַז אָן דעם וואָס מ'זאָל אויסרופן פון הימל וועגן דעם, קען אַ מענטש נישט אויפהייבן זיין האַנט און ער וועט נישט קיינמאָל נישט ליידן אַ צער און שאָדן ח"ו, זעהט מען דאָ אויך אַ טיפערן געדאַנק, אַז **דער מענטש וואָס איז 'מצליח' אין פּרנסה אָדער אין יעדן אַנדערן ענין אויף דער וועלט, זאָל ער נישט אָנהענגען זיין הצלחה אין זיינע געבענטשטע כשרונות און פעאיגקייטן, און פון דער אַנדערער זייט, זאָל דער מענטש וואָס האָט אַ שאָדן נישט שפּירן זיך ווי אַ 'צעקלאַפּטער', אַז צוליב זיינע פּערזענליכע חסרונות האָט ער שאָדן געהאַט און נישט פאַרדינט אין זיינע געשעפטן**, ווייל אָט איז דער פאַנגער געזעסן אויפ'ן פעלד און געאַרבעט, און פאַרשטייט זיך אַז ער האָט נישט געהערט דעם 'בת קול' וואָס דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי האָט געהערט, און ס'איז מסתבר אַז ווען עס איז איהם יאָ געלונגען צו פאַנגען אַ פויגל, האָט ער עס אָנגעהאָנגען אויף זיין אייגענעם הצלחה, אַז ער האָט מיט זיין פלינקקייט מקדים געווען דעם פויגל און אַזוי האָט ער איהם באַוויזן אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ, און פון דער אַנדערער זייט, ווען דער פויגל האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט האָט ער עס אָנגעהאָנגען אַז ווייבאַלד ער האָט נישט געטוהן אַזוי און אַזוי איז עס איהם נישט געלונגען צו פאַנגען דעם פויגל, און אויב ער וואָלט געשטאַנען אויף אַן אַנדער אָרט וואָלט ער איהם יא געקענט פאַנגען... **דער אמת איז, אַז נאָר דאָס אויסרופן אין הימל קען באַשטימען וויפיל און וואָס ער זאָל יאָ באַוויזן צו פאַנגען און וואָס נישט, און אויך אויב עס וועלן שטיין ביי זיין זייט נאָך טויזנט מומחים אַזוי ווי ער, וועט ער נישט באַווייזן צו פאַנגען אַפילו איין פויגל וואָס דער 'בת קול' האָט אויסגערופן אויף איר 'דימוס' - עס זאָל זיין פריי.**

הרה"ק בעל 'אמרי חיים' מ'וויזשניץ זי"ע, האָט געזאָגט אַ רמז אין די ווערטער פונעם פּיוט, 'בר יוחאי נמשחת **אשריך**'. דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז 'געזאַלבט' געוואָרן, און זיין הייליגע מדה איז געווען, אַז **ער איז שטענדיג געווען אין אַ מצב פון 'אשריך' וטוב לך... ער איז שטענדיג געווען פול מיט שמחה און צופרידנקייט אין לעבן, ווייל ער האָט געהאַט די אמת'ע ריינע אמונה אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'.**

**לט.** דער פסוק זאָגט (תהלים קמה, ט) 'טוב ה' **לכל**'. דאָס מיינט, אַז צו '**אַלע**' פּראָבלעמען און צרות איז 'גוט' זיך צו ווענדן צו דעם אויבערשטען. ממילא, קען מען זאָגן לויט די ווערטער פונעם 'בית אהרן', 'כך רשב"י **לכל**', אַז **פאַר אַלע שוועריגקייטן און צרות איז גוט צו קומען מתפלל זיין ביים ציון הרשב"י, אָדער מתפלל זיין אין זיין זכות איבערואל**, און דער אויבערשטער וועט אונז אַוודאי העלפן מיט אלע ישועות וואָס מ'דאַרף האָבן.

**מ.** אַמאָליגע אידן פלעגן זאָגן, אַז **דער וואָס איז זוכה אָנצוקומען קיין מירון, איז עס אַ סימן אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט איהם 'איינגעלאַדן' צו זיך...**

מיר ווייסן אַ מעשה פון אַ יונגערמאַן, וואָס איז געפאָרן אינמיטן יאָר מיט זיין משפּחה קיין מירון אויף שבת, און צוליב עפּעס אַ סכסוך וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען צווישן זיי האָט דער יונגערמאַן געזאָגט צו זיינע בני בית: געב א קוק וויפיל געלט מיר האָבן אויסגעגעבן אויף דעם שבת אין מירון. מיר וואָלט געקענט פאַרברענגען דעם שבת אין אַ רואיגן אָרט... ווי איינער זאָגט, איך האָב זיך 'באַנאַרישט' מיט'ן מסכים זיין צו קומען אַהער פאַר אַזוי פיל געלט.

**דאָס** מיינט, אַז יעדער איינצלנער איד, אין סיי וואָס פאַראַ מצב ער געפינט זיך[מא], און אין יעדן אָרט, האָט ער אַ גרויסן חיזוק פונעם כח פון רשב"י[מב], און פון זיין אור[מג].

---

פון יענעם טאָג און ווייטער, איז מער קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו פאָרן קיין מירון... יעדעס מאָל איז אונטערגעקומען אַן אַנדערע סיבה. אויך ווען ער האָט געוואָלט מאַכן אַ 'חאַלאַקע' פאַר זיין דריי-יעריגן יונגל, האָט דאָס קינד זיך פלוצלינג נישט גוט געפילט און מ'האָט נישט געקענט פאָרן מיט איהם קיין מירון...

דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אין משך פון דריי יאר, טאָג טעגליך האָבן זיך געמאַכט אַנדערע 'מאָדנע' מניעות אַז ער זאָל נישט קענען פאָרן צום ציון הרשב"י אין מירון. איין נאַכט, האָט זיין בני בית איהם געפרעגט אויב ער נעמט עס אין אַכט אַז פון יענעם שבת ביז איצט, טוט מען איהם צוריקהאַלטן פון הימל אַז ער זאָל נישט קענען אנקומען ציון הרשב"י. עס זעהט אויס ממש - האָט זי איהם געזאָגט - ווי רבי שמעון שטייט און לאָזט דיר וויסן, דו האָסט נישט געוואָלט אַהער קומען, זאָלסטו טאַקע נישט קומען...

דער יונגערמאַן, וועלכער איז אַ ירא שמים, האָט פאַרשטאַנען אַז 'יש דברים בגו', און ער האָט געטראַכט ביי זיך, עס שטייט דאָך אַז 'רבי שמעון בן יוחאי לכל **אפילו לפחותים**', און ווי עס ווייזט אויס, בין איך אַפילו נישט אין גדר פון אַ 'פחות'... ער האָט זיך פאַרמאַכט אין אַ צימער, און זיך גוט אויסגעוויינט פאַר דעם באַשעפער אַז ער זאָל איהם מוחל זיין דעם פגם און די נאַרישע ווערטער וואָס ער האָט דעמאָלס אַרויסגעזאָגט פון מויל קעגן דעם ענין פון פאָרן קיין מירון.

אַזוי ווי ער איז אַרויסגעקומען פון צימער, און האָט אפגעטריקנט זיינע טרערן אַז קיינער זאָל נישט זעהן... הערט ער קלאַפּן אויפ'ן טיר. דאָס איז געווען איינע פון די שכנים, וועלכער האָט איהם געזאָגט: טייערער שכן, איך בעט דיך מחילה פאַר'ן קלאַפּן אַזוי שפּעט ביינאַכט, און אויך וויל איך דיך איבערבעטן פאַר די 'מאָדנע' בקשה וואָס איך האָב צו דיר... היינט האָב איך געקויפט אַ נייעם קאר, און איך האָב צוגעזאָגט אַז **די ערשטע נסיעה מיט מיין נייעם קאַר וועט זיין קיין מירון**, אָבער כ'בין יעצט זייער מיד, און כ'האָב מורא זיך אַרויסצולאָזן אַליין אויפ'ן וועג, בעט איך דיך, דו **זאָלסט מיטקומען מיט מיר קיין מירון**... ויהי לפלא.

ווי עס ווייזט אויס, איז דער שכן געווען ווי אַ 'מלאך' וואָס איז געשיקט געוואָרן פון הימל אין זכות פון דעם תנא אלוקי רשב"י, איהם צו לאָזן וויסן, אַז אַזוי ווי ער האָט תשובה געטוהן, האָט רבי שמעון בן יוחאי איהם תיכף געשיקט אַ 'דרייווער' איהם צו ברענגען קיין מירון צו איהם...

**מא.** דער באַרנובער רב הרה"ק רבי אברהם שמחה זי"ע האָט געזאָגט, 'אדם ובהמה תושיע ה'', איז בגימטריא 'רבי שמעון בר יוחאי'. דאָס לערנט אונז, אַז **אפילו איינער וואָס איז אין די בחינה פון אַ 'בהמה', העלפט איהם אויך רבי שמעון בן יוחאי פון יעדע צרה.** ('מגדיל ישועות מלכו', אות נה)

## מן הבאר

דער רמב"ם ז"ל שרייבט אין 'פירוש המשניות' (פרשה פ"ג, מ"ג) אַז עס איז נישט קיין חילוק צווישן איינעם וואָס איז קיינמאל נישט געוואָרן טמא, און איינער וואָס איז יאָ געווען טמא און האָט זיך דערנאָך גע'טובל'ט און מ'האָט אויף איהם געשפריצט וואַסער, און נישט נאָר דאָס, נאָר דער וואָס מ'האָט אויף איהם געמאַכט 'הזאה', האָט נאָך אַ גרעסערע מעלה, ווייל **דער פסוק זאָגט קלאָר אַז ער איז 'טהור'.**

ווילן מיר זאָגן דאָס זעלבע וועגן רבי שמעון בן יוחאי. 'לכל ישראל האיר' - 'רשב"י לכל, בין לפחותים, בין לשאינם פחותים', נאָר **דער 'פחות' האָט נאָך אַ גרעסערע מעלה, אַז דער 'בית אהרן' זאָגט אויף איהם עדות אַז ער האָט אַ שייכות צו רבי שמעון בן יוחאי.**

**מב.** מ'פירט זיך אַריינצולייגן 'וואַטע' ('צמר גפן') אין די פייערן וואָס מ'צינדט לכבוד דעם תנא אלוקי רשב"י, כדי דאָס פייער זאָל בעסער ברענען. קען מען זאָגן אַ רמז, 'לשון נופל על לשון', אַז **'וואַטע'** איז אויך אַ רמז אויף **'ווייטע'**. דאָס הייסט, **אַז אויך דער וואָס איז דערווייטערט געוואָרן פון די קדושה, קענען זיך צוריק דערנענטערן מיט'ן כח פון רבי שמעון בן יוחאי...**

**דאָס** איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן אויב דער מענטש 'בית אהרן', און ער האָט אמונה אין רשב"י[מד], ער איז מקיים דעם אָנהייב פון די ווערטער פונעם גלייבט אין זיין כח, בכלל ובפרט, אין די שטאַרקע

---

מ'צינדט די מדורות מיט אויל, ווייל דער מדרש זאָגט (שמ"ר פל"ו, א) אַז די אידן זענען צוגעגליכן צו 'אויל', אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה יא, טז) 'זית רענן יפה פרי תואר קרא ה' שמך'. און פונקט ווי שמן זית גייט אַרויס נאָר דורך דעם וואָס מ'טוט עס צעשטויסן, אַזוי שיינען די אידן דורך די יסורים וואָס זיי ליידן אין גלות. און נאָך אַ טעם, פונקט אַזוי ווי אויל קען זיך נישט אויסמישן מיט אַנדערע משקאות, אַזוי טוהען די אידן זיך נישט אויסמישן מיט די גוים, נאָר זיי שטייען העכער פון די גוים, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דברים כח א) 'ונתנך ה' עליון על כל גויי הארץ'.

עס קען זיין א רמז דערמיט, ווייל רבי שמעון בן יוחאי איז מחזק אידישע קינדער, אַפילו אויב זיי זענען חלילה 'ווייט', קענען זיי זיך אויפהייבן און שווימען העכער די 'מים הזדונים', און גערעַטעוועט ווערן פון אַלע צרות, אין זכות פון רשב"י.

הושענא רבה פון יאָר תרח"ץ, ווען די אידן אין אייראָפּע האָבן שוין געשפּירט אַז די ערד ברענט אונטער זייערע פיס, די שנאת ישראל האָט איבעראל געבושעוועט אויף אַ שרעקליכן אופן, האָט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע געזאָגט דברי כיבושין, און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער מיט גוטע מליצות און תפילות פאַר אידישע קינדער.

צווישן אַנדערע האָט דער רבי געזאָגט מיט געוויין, דוד המלך ע"ה בעט זיך (תהלים כח) 'לדוד אליך ה' אקרא, צורי אל תחרש ממני, פן תחשה ממני ונמשלתי עם יורדי בור'. מ'קען עס פארשטיין מיט אַ משל, אַ קעניג איז געווען געצוואונגען אַוועקצושיקן זיין זון אין אַ ווייטן אָרט. ווען זיי האָבן זיך געזעגענט, האָט דער זון זייער געוויינט. האָט דער קעניג איהם געפרעגט, פאַרוואָס וויינסטו אַזוי? מ'האָט דאָך שוין ערפינדן דעם 'טעלעפאָן', און וואו די וועסט זיך געפינען, וועסטו ווייטער קענען אָנהאַלטן דעם קשר מיט מיר. האָט דער זון געענטפערט: 'טאַטע, טאַטע, איך ווייס דאָך אָבער נישט וואוהין איך וועל אָנקומען. ווער ווייסט צי איך וועל נישט פאַרוואָגלט ווערן ח"ו אין אַ פאַרשטויסענעם אָרט, וואָס פון דאָרט וועל איך נישט קענען אָנהאַלטן דעם קשר מיט דיר. אַפילו אויב איך וועל וועלן, וועל איך נישט קענען רעדן מיט דיר. ווענן דעם בעט איך דיך, טאַטע טייערע, דו זאָלסט מיך אייביג זוכן, און זעהן אָהנצוהאַלטן מיט מיר דעם קשר...

דאָס איז די כוונה פון פסוק, דוד המלך ע"ה בעט זיך ביי דעם אויבערשטען, **'אל תחרש ממני'** - פאַרלאָז מיך נישט. **'פן תחשה'** - אויב דו וועסט וואַרטן אַז איך זאָל אָנהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דיר, האָב איך זייער מורא אַז איך וועל אָנקומען צו אַ מצב פון **'נמשלתי עם יורדי בור'**, אויף אַן אופן וואָס איך וועל דיך נישט קענען זוכן.

און דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט אויסגעפירט מיט טרערן: מיר בעטן דיך, רבונו של עולם, אין יעדער צייט זאָלסטו אונז זוכן, ווייל ס'איז מעגליך אַז מיר וועלן חלילה אָנקומען צו אַן אָרט וואו מיר וועלן דיך נישט קענען זוכן פון דאָרט (אַזוי איז טאַקע ליידער געווען אין די ביטערע צייטן פון די מלחמה, אַז אַסאַך אידן האָבן פאַרלוירן זייער אמונה אין באַשעפער).

לדידן ייאמר, מיר געפינען זיך יעצט ביי רשב"י, אָדער אין די הילולא פון רשב"י פאַר איינעם וואָס איז נישט פאַקטיש אין מירון, בעטן מיר פון רבי שמעון בן יוחאי, 'אַפילו לפחותים', מיר זענען ליידער אין גדר פון 'פחותים', אָבער דו ביזט דאָך אונז מקרב. מיר ציטערן אַז מיר זאָלן נישט חלילה פאַרשטויסן ווערן פון די קדושה. בעטן מיר דיך, רבי שמעון, דו זאָלסט אונז אייביג זוכן כדי אונז צוצוציהען צום ערליכן און גוטן וועג, און משפיע זיין א גאַנצע ישועה ברוחניות ובגשמיות.

**מג.** אין יאָר תרצ"ה, נאָך בחיים חיותו פון הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָבן זיינע קינדער באַזוכט ארץ ישראל, און זענען געפאָרן ל"ג בעומר קיין מירון. צוליב די גרויסע שטופּעניש אין די 'מערה', האָט עמיצער אויסגערופן: 'מאַכט'ס פלאַץ פאַר די וויזשניצער קינדער', אַז זיי זאָלן קענען צוקומען צום 'ציון'. האָט אַן אַלטע פרוי זיך אָנגערופן: 'ביי רבי שמעון, ווערן אַלע אידן גערעכנט ווי זיינע קינדער'...

דער 'אמרי חיים' זצ"ל, האָט זייער הנאה געהאַט פון אירע ווערטער, און ער פלעגט עס שפּעטער אַסאַך מאָל איבערזאָגן, אַז **ביי רבי שמעון, זענען אַלע אידן קינדער...** (און עס איז דאָך באַקאַנט, אַז אַ טאַטע האָט רחמנות אויף זיין זון, און דאָס ווענדעט זיך נישט אין די התנהגות פונעם זון צי ער פירט זיך גוט אָדער נישט, אויף יעדן אופן, אַפילו אויב ער איז פון די 'פחותים', האָט זיין טאַטע איהם ליב).

**מד.** דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק וואָס רחל אמינו האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה (בראשית ל, ב) 'הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי', און אויף דעם האָט יעקב געענטפערט: 'התחת אלוקים אני'.

קדושה פון ל"ג בעומר, 'כי קדוש היום לאדונינו', און ער טוט ערפילן דעם רצון פון רשב"י, אַז מיר אַלע זאָלן זיך פרייען מיט אַ גרויסע שמחה, און דורך דעם ווערט נשפע אַסאַך שפע אויף אונז אַלע.

**אור זרוע לצדיק - הדלקות לכבוד דעם תנא אלוקי רשב"י**

**אידן** אין אַלע דורות האָבן זיך געפירט צו מאַכן 'הדלקות' מיט גרויס שמחה, אָנצוצינדן גרויסע פייערן[מה] לכבוד די שמחה פון הילולא דרשב"י. אויך פירט מען זיך אין טייל ערטער, אַריינצוואַרפן קליידער אינעם פייער[מו], צו עס פאַרברענען לכבוד דעם הייליגן תנא רשב"י.

**אויף** דעם האָט דער גאון רבי שמואל העליר זצ"ל אב"ד צפת, מחבר געווען זיין חיבור 'כבוד מלכים', וואו ער צייכנט אָן אַז אַזוי האָט זיך געפירט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, און אַנדערע צדיקים.

**אַזוי** ברענגט אויך דער ספר 'אלף כתב' (אות תרפה), אַז רבי מענדל ליטמאַן פון עיה"ק צפת האָט

האָט דער בעלזער רב זי"ע געזאָגט אַ כוונה אין פסוק, יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו רחל, די אמונה אין דעם צדיק, איז אַנדערש פון די אמונה אין דעם אויבערשטען. אמונה אין באַשעפער איז בכח איבערצודרייען אַלע מערכות, **אפילו אויב עס איז נישט בשלימות** (די אמונה), אָבער **דער כח פון אמונה אין אַ צדיק, איז נאָר אויב מ'גלייבט מיט אַן אמת אין דעם כח פונעם צדיק**. און וויבאַלד דו האָסט געזאָגט 'ואם אין', איז דאָך אַ סימן אַז דו האָט אַ ספק אין מיין כח צו פועל'ן פאַר דיר אַ ישועה, און אויב אַזוי, קען איך דיר נישט העלפן, ווייל 'התחת אלוקים אני'?! צו העלפן אויך ווען מ'גלייבט נישט אין מיר בשלימות?! נאָר א גאַנצע אמונה אין דעם כח פונעם צדיק, פועל'ט וואונדערליכע ישועות, העכער פון די טבע.

דאַן האָט דער בעלזער רב געזאָגט 'בניחותא': 'התחת אלוקים אני', **דער צדיק איז אין דער בחינה פון 'תחת אלוקים', ווייל 'הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל'.**

**מה.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'בקודש פנימה' (ח"ב, ע' שסב, פון הרה"ח רבי יצחק לאַנדאו ז"ל, דער משב"ק פון הייליגן בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע אין ארץ ישראל), אַז אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר, האָט דער בעלזער רב זי"ע געהייסן צינדן אַסאַך לעכט לכבוד די הייליגע נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי, אויף די טישן און אויף אַלע פענצטערס (אַנדערש ווי אין די אַנדערע יאָרצייטן, ווען דער עולם האָט נישט געצונדן לעכט, נאָר אין דעם טאָג פון ז' אדר).

**מו.** ס'זענען געווען צדיקים וואָס האָבן זיך געפירט אַריינצוּוואַרפן אין פייער דאָס 'קאַפּל' וואָס זיי האָבן געטראָגן אויפ'ן קאָפּ. אַזוי האָט זיך אויך געפירט כ"ק אאמו"ר זי"ע, און זיין טאַטע, הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע.

אין די צייטן פון זיין זיידן, הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע, האָט געוואוינט אין ירושלים אַ בחור וואָס איז ליידער אַראָפּ פון זינען ל"ע. איינע פון זיינע 'משוגעת'ן' איז געווען, אַז ער פלעגט כסדר אַראָפּוואַרפן די קאַפּל פון זיין קאָפּ. האָט זיין טאַטע זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר הרה"ק רבי דוד'ל איבער דעם שווערן מצב אין וועלכן זיין זון געפינט זיך. עטליכע טעג נאָך יום טוב פסח, ווען רבי דוד'ל האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין מירון (אַ נסיעה וואָס האָט אין יענע צייטן געדויערט לאַנגע וואָכן) האָט ער צוגערופן דעם טאַטן פון דעם בחור, און איהם געזאָגט ער זאָל מיטקומען מיט זיין שיירא, און ער זאָל אויך מיטנעמען זיין זון.

אין משך פון גאַנצן וועג, האָט דער טאַטע נעבעך געליטן שרעקליכע בושות פון דעם בחור. ביי יעדע אפשטעל אינמיטן וועג, איז דער בחור פאַרשוואונדן און מ'האָט איהם געדאַרפט זוכן, וכהנה וכהנה, ביז מ'איז בעזרת השי"ת אָנגעקומען ענדליך בשעה טובה ומוצלחת קיין מירון.

בשעת די 'הדלקה' אויפ'ן דאַך פונעם ציון הרשב"י, איז הרה"ק רבי דוד'ל צוגעגאַנגען צו דעם בחור, און ער האָט אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ זיין הוט, עס אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, און דעם קאַפּל, האָט ער אַריינגעוואָרפן אין פייער. אין יענע סעקונדע, האָט דער בחור אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן קאָפּ און זיך גענומען שרייען, 'אַ קאַפּל, אַ קאַפּל'... מ'האָט געזעהן בחוש ווי דער בחור איז געוואָרן ממש אַ נייער מענטש, ווייל מ'האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהערט פון איהם אַ וואָרט ווי אַ 'נאָרמאַלער' מענטש, און נישט נאָר דאָס, נאָר דייקא ביי די זאַך וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט - אַראָפּוואַרפנדיג אייביג דעם קאַפּל, האָט ער יעצט פאַרראָכטן, ווען ער האָט געשריגן מ'זאָל איהם צוריקגעבן דעם קאַפּל.

געזאָגט, אַז דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע האָט געוויינט די גאַנצע נאַכט פון ל"ג בעומר, ביי די 'הדלקה', און ער איז געשטאַנען פונדערוויטענס, זאָגנדיג, ווי אַזוי קען איך צוגיין צום דעם וואָלקן וואו עס שטייען די נשמות פון די הייליגע אבות אברהם יצחק ויעקב, און אַלע צדיקים מיט זיי.

מיר האָפען און זענען מתפלל, אתה הוא מושיענו בזכות אדונינו בר יוחאי, תורתו מגן לנו הוא ימליץ טוב בעדינו[מז]. אב הרחמן רחם עלינו, און ער זאָל משפיע זיין אויף אונז אַ דור ישרים יבורך, פרנסה בריווח, און ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף אונז און אונזערע קינדער בהילולא דבר יוחאי, ולעולמי עולמים, אמן.

---

לדידן ייאמר, דאָ רעדט מען נישט נאָר פון 'שוטים', נאָר **יעדער איינער מיט זיינע אייגענע 'שגיונות'**... קען עס פאַרברענען אינעם פייער פון רבי שמעון בן יוחאי.

**מז.** ווען דער סאַטמאַרער רב זי"ע איז געפאָרן קיין ארץ ישראל צום ערשטן מאָל, אין יאָר תרצ"ב, איז ער געפאָרן צו די שטעט פונעם גליל, מירון צפת טבריא, און ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ וואָך צייט. עס זענען מיטגעפאָרן הרה"צ רבי עמרם בלויא זצ"ל, און אַנדערע בני עליה. האָט רבי עמרם דערציילט, אַז איינמאָל אינמיטן נאַכט (אַרום צוויי אָדער דריי אַזייגער) איז ער אַריינגעגאַנגען אין די 'מערה' פון רשב"י, און געזעהן ווי דער רבי זי"ע איז זיך משתטח מיט'ן גאַנצן הייליגן גוף אויף דעם ציון פון רבי שמעון בן יוחאי, און מיט הייסע טרערן זאָגט ער די פסוקים אין תהלים (קאַפיטל פ', וואו דוד המלך ע"ה בעט אויף די צרות פון אידישע קינדער אין גלות): 'הבט משמים וראה, ופקוד גפן זאת, וכנה אשר נטעה ימינך ועל בן אמצת לך וגו' ולא נסוג ממך, תחיינו ובשמך נקרא', (וואָס רש"י טייטשט עס: 'ולא נסוג ממך - ואל תגרום לנו להיות נסוגים ממך. תחיינו - מן הגלות ונזכיר טובתך וגבורתך, ואז נקרא בשמך').

די דאָזיגע פסוקים, האָט דער רבי איבערגעזאָגט מערערע מאָל מיט מורא'דיגע בכיות און מיט השתפכות הנפש, במשך פון אַנדערהאַלבן שעה.

# כי קדוש היום לאדונינו

ווען הרה״ק בעל 'עצי חיים' זי״ע אב״ד סיגוט, האָט חתונה געהאַט אין יאָר תרנ״ו, מיט די טאָכטער פון הרה״ק רבי שלום אליעזר פון ראַצפערט זי״ע הי״ד, אַ זון פון הייליגן צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי״ע, אין דער שטאָט טאָרנע, גאַליציע, איז דער הייליגער שינאָווער רב זי״ע (אַ פעטער פון די כלה, דער עלטסטער ברודער פון הרה״ק רבי שלום אליעזר) געקומען צו פאָרן אויף די חתונה אין טאָרנע, טראָץ דעם וואָס ער איז דעמאָלס שוין געווען אַ זקן ושבע ימים, 81 יאָר. (פאַרשידענע מעשיות ווערן איבערגעגעבן ווען דעם גרויסן געדרענג ביי די חופה, צוליב דעם גרויסן ציבור וואָס האָט געוואָלט זיין אָנוועזענד ביי אַזאַ רבי'שע חופה, אַז מ'האָט געמוזט אַוועקשטעלן חופות אויף פאַרשידענע ערטער, כדי דער עולם זאָל זיך נישט שטופן אַרום איין פלאַץ).

אין טאָג פון די חופה, האָט דער שינאָווער רב געהייסן זיינע גבאים אויסרופן, אַז יעצט איז אַן 'עת רצון' אין הימל, און יעדער איינער וואָס וויל געהאָלפן ווערן, קען היינט קומען, און ער וועט קענען אויספועל'ן אַ ישועה.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז עס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַסאַך אידן מיט צובראָכענע הערצער, און ס'איז געוואָרן גאָר אַ לאַנגע רייע פון מענטשן וואָס האָבן דאָרט געוואַרט. צווישן דעם עולם וואָס האָט געוואַרט, זענען געקומען אויך צוויי פרויען, חבר'טעס, וואָס האָבן שוין געוואַרט יאָרן געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, זענען געקומען צו גיין אַהין. זעהענדיג די גרויסע רייע פון מענטשן וואָס וואַרטן אַריינצוגיין צום שינאָווער רב, האָט איינע פון די צוויי פרויען געזאָגט, דער רבי בלייבט דאָך דאָ נאָך אַ פאָר טעג, וועל איך בעזהי״ת צוריקקומען אין עטליכע טעג, ווען דער געדרענג וועט אַביסל נאָכלאָזן. די צווייטע פרוי איז אָבער יאָ געבליבן, און געוואַרט אין דער לאַנגער רייע. זי איז אַריינגעגאַנגען זיך מזכיר זיין ביים שינאָווער רב, און האָט גע'פועל'ט אַ ישועה. ווען איר חבר'טע איז צוריקגעקומען עטליכע טעג שפעטער און געזאָגט צום שינאָווער רב, 'דער רבי האָט דאָך געזאָגט אַז ווער עס דאַרף אַ ישועה זאָל קומען', האָט דער שינאָווער רב איר געזאָגט: ווען איך האָב געזאָגט 'היינט', האָב איך געמיינט דעם טאָג פון די חופה, אָבער נישט יעדן טאָג קען איך צוזאָגן...

במה דברים אמורים, רבי שמעון בן יוחאי טוט אויסרופן אַז **דער טאָג ל״ג בעומר איז אין זיין רשות**, ממילא, דאַרף אויך איינער וואָס האָט גרויסע 'געשעפטן', **האָבן שכל איבערצולאָזן אַלעס אין דעם גרויסן טאָג, וואו ער געפינט זיך נאָר, און וויסן אַז נאָר וועגן דעם טאָג פון ל״ג בעומר האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, 'יומא דא ברשותי קיימא'**, און ממילא, דאַרף מען אין דעם טאָג זיך אָפגעבן נאָר מיט די ענינים פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין גרויסע שמחה. (און כאָטש דער כח פון רבי שמעון איז גרויס אויך אַ גאַנץ יאָר, אָבער ס'איז דאָ אַן ענין וואָס אין די יומא דהילולא איז זיין כח פיל גרעסער, משפיע צו זיין גאָר אַסאַך שפע אויף אידישע קינדער). **ס'איז ממש אַ חשש פון 'הפסד מרובה'**, אויב דער מענטש האָט נישט קיין שכל ריכטיג אויסצונוצן דעם גרויסן טאָג.

אַמאָל ווען דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק מהר"י זי"ע איז געגאַנגען צום 'ציון' פון זיין טאַטן, הרה"ק השר שלום זי"ע, האָט ער דערציילט פאַר די אַרומיגע אַ מורא'דיגע מעשה:

אין די צייטן פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, איז געווען אַ איד וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער ל"ע. דער איד פלעגט זיך כסדר מזכיר זיין ביים רבי'ן ר' אלימלך מיט אַ קוויטל און 'פדיון נפש', געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד. נאָך לאַנגע יאָרן, איז ער טאַקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר למזל טוב...

יאָרן שפּעטער, שוין נאָך די הסתלקות פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע לחיי העולם הבא, האָט פּאַסירט אַ שרעקליכע צרה רח"ל. דאָס קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט די ברכה פון רבי'ן ר' אלימלך, איזליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל. דער טאַטע האָט זיך זיך אָבער נישט פאַרלוירן, ער האָט גענומען דאָס טויטע קינד און איהם גענומען צום הייליגן ציון פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפ'ן ציון, און געשריגן מיט אַ 'צעקה גדולה ומרה': הייליגער רבי, 'אל הנער הזה התפללתי'?! נישט דאָס האָב איך געמיינט מיט די צענדליגער קוויטלעך און פדיון נפש וואָס איך האָב געגעבן פאַר'ן רבי'ן... נישט וועגן דעם האָט מען גערעדט, און איך לאָז דאָ איבער דאָס קינד... און דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט געטוהן וואָס ער האָט געטוהן, און דאָס קינד איז געוואָרן לעבעדיג. דאַן האָט דער רבי ר' אלימלך איהם געזאָגט הויך אויפ'ן קול: טייער קינד, שריי אויס הויך אויפ'ן קול 'טאַטע... טאַטע...', איידער דיין טאַטע וועט זיך דערווייטערן פון דאָ און דו וועסט בלייבן איינער אַליין אויפ'ן בית החיים...

און דער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע האָט אויסגעפירט: לאָמיר שרייען 'טאַטע, טאַטע', אַזוי לאַנג ווי מיר געפינען זיך נאָך נאָנט צום הייליגן ציון פונעם טאַטן...

**לדידן יאמר, מיר זענען דאָך אזוי נאָנט צום באַשעפער אין דעם טאָג ל"ג בעומר, און מיר האָבן דעם כח פון רבי שמעון בן יוחאי. לאָמיר שרייען צו אונזער טאַטן אין הימל: 'טאַטע, טאַטע...' אַזוי לאַנג ווי מיר זענען נאָנט צו איהם, און ער וועט אַוודאי הערן אונזערע תפילות להפקד בדבר ישועה ורחמים, מיט זרע של קיימא, נחת דקדושה פון אַלע קינדער און אייניקלעך, פרנסה בהרחבה, גוטע שידוכים, רפואה שלימה, תשובה שלימה, מיט אלע השפעות טובות.**